בס"ד

# דברי יונה

**פרשת ויחי תשפ"ה**

מבאר תורתו של
מרן הגה"צ
רבי **יונה הלוי**
**פארסט** זצ"ל
בעהמח"ס דברי יונה
וראש ישיבת ד'נייטרא

גליון
מוגדל ומורחב
דברי יונה

לקראת
יומא דהילולא
שחל ביום ה' שמות הבעל"ט

## דבר המערכת

### אם תשכבון בין שפתים כנפי יונה נחפה בכסף ואברותיה בירקרק חרוץ (תהלים ס"ח)

ככר עברו מ"ב שנים מאת הורם והוסר עטרת תפארתינו, מאיר עינינו ונתיב דרכינו, האדם הגדול בענקים חכימא דיהודאי, איש האשכולות

מרן הגה"צ **רבי יונה הלוי פארסט** זצוק"ל.

ידוע ומפורסם שמרן זצ"ל הי' מעונה ומדוכה ביסורי הגוף ל"ע, וזה עשרות שנים מעת שחלה על רגליו, לא הי' יכול לילך ואף לעמוד עליהם ל"ע, והי' נצטרך לטיפול, וכ"ז בדרך כלל משפיע על האדם לא לטובה, אבל אצל מורינו זצ"ל לא הי' כל זה בעיכובו מעבודת הקודש, בהרבצת התורה.

מעשה הצדקה והחסד שלו, הוא פרשה בפני עצמה, והי' צריך אריכות גדול, ואף שעשה רוב הדברים בסתר, עכ"ז הרבה והרבה ראינו והגיע לאזנו.

הן אלה מקצת דרכיו הנעלים, בזה הגליון מוגדל לקראת ההילולא קדישא, באנו להביא מקצת סיפורים ועניינים דרשות ועוד ממרן זצ"ל, ישמע חכם ויוסיף לקח, ונזכה להדבק בדרכיו, ויהי' לזכות ולעילוי נשמתו בגן עדן מנוחתו.

תורתו והדרכתו מגן לנו,
ימליץ טוב בעדינו





# זכר צדיק לברכה

**לעילוי נשמת הגאון האמיתי עטרת תפארתינו, האדם הגדול בענקים**

איש האשכולות שהכל בו מקניני התורה, אוצר כל כלי חמדה האי צדיק ועניו, מרן הגאון הצדיק, חכימו דיהודאה

## הגאון הצדיק מרן רבי יונה הלוי פארסט זצוק"ל

**במוה"ר ישראל ז"ל**

## ראש ישיבה הרמה ד'נייטרא

## עלה בסערה השמימה ט"ז טבת תשמ"ג לפ"ק

זכותו הגדול והקדוש יגן וימליץ טוב בעדינו ובעד כל ישראל

---

## הונצח ע"י תלמידו המובהק

**ידידינו היקר, תלמיד חביב ממרן זצ"ל, הרבני הנגיד הנכבד המרומם**

## מוה"ר שמואל דוד הערצאג שליט"א

## מוה"ר חיים ידידי' פישער שליט"א

## מוה"ר אברהם משה פיש שליט"א

## הרוצה בעילום שמו שליט"א

וכן כל שאר, שהשתתפו בעין יפה וברוח נדיבה

## בסכום הגון להוצאת ולהפצת הגליון המוגדל

## לע"נ מרן רבי יונה ב"ר ישראל הלוי זצ"ל

## יומא דהילולא - חל ביום ה' שמות, ט"ז טבת הבעל"ט

יהי"ר מלפני אבינו שבשמים, שיזכה לרוות רב נחת ותענוג דקדושה מכל
יוצ"ח, וזכות מרן זצ"ל יגן בעדך ובעד ב"ב להתברך בשפע רב וכל טוב סלה
עדי שנזכה לביאת משיח צדקינו במהרה בימינו אמן

**זכות הגליון מוקדש לזכות רפואת טובי' אביגדור בן ברכה**

זכות מרן זצ"ל יגן בעדו, לרפואתו השלימה ומהירה בבריות גופא ונהורא מעליא, אמן.

מדור

# זכר צדיק לברכה

## תולדות וקורות ימי חייו פון מרן הגה"צ רבי יונה הלוי פארסט זצ"ל

**לקראת יומא דהילולא קדישא**
**ביום ה' שמות הבעל"ט**
ט"ז טבת תשמ"ג - תשפ"ה

**הנני** העני ממש, נרעש ונפחד מפחד יושב תהלות ישראל, די פעדער ציטערט אין די האנט, דער קוואל פון טרערן ווערט פריש געפענט ווען מיר דערמאנען זיך אז עס איז שוין אריבער 42 יאר נאך די הסתלקות פון דער גאון וצדיק, דער מנהיג ורועה נאמן פאר די הייליגער ישיבה נייטרא במאונט קיסקא, דער צדיק תמים בכל דרכיו, א זעלטענער סארט טיף פון א אדם גדול, דער מענטש וואס האט קאמבאנירט תורה צדקות אין יראת שמים, מוסר וענוה, חסד אין תמימות, געדאגט פאר קדשי ישראל מיט מסירות נפש בפועל, איינער פון די יחידי סגולה אין דור.

**ירמי'** הנביא זאגט יתומים היינו ואין אב, פרעגט דער אלשי"ך הק' עס שטייט שוין יתומים היינו, וואס דארף צו שטיין ואין אב, נאר די גמ' זאגט דאס בית דין איז אביהן של יתומים, עס קען אמאל זיין עס גייט אוועק פון די וועלט אזא צדיק, אין אונז קינדער וואס ער האט מגדל געווען מיט אזויפיל געטריישאפט כידוע לכל, וויינען מיר יתומים היינו הגם אז ואין אב עס איז נישט געווען קיין טאטע וואס ילדו נאר כאילו ילדו.

**ביי** ר' יונה איז געווען נכלל אלע דריי מדות תורה עבודה אין גמילות חסדים, תורה: גאנצע סוגיות זענען געווען שגור על פיו, געווען בקי בכל חדרי התורה, געווען איז ער א תלמיד פון נייטרא רב זי"ע וואס מען קען טאקע זעהן אלע מאל ווען ער פלעגט האלטן זיינע דרשות אין פלעגט זאגן 'דער רבי' האט ער נאר געמיינט אלעמאל דער נייטרא רב זי"ע וואס ער האט גאר שטארק מחשיב געווען ביים אפילו ארויס זאגן 'דער רבי', אויך איז ער געווען א תלמיד פון דער ישיבת חכמי לובלין, וואס ער האט שוין דעמאלטס זיך ארויס געהויבן אלס עילוי וואס ער איז געווען פון די בחורים וואס האבן זיך פארהערט 200 עמודים פארן אריינגיין אין ישיבה.

**זיינע** דרשות זענען געווען מורא'דיג, ער פלעגט אסאך מאל פארשרייבן ראשי פרקים, ווי למשל פאר די שבת תשובה דרשה, אבער ווען עס איז געקומען צו די דרשה האט ער געזעדט איגאנצען פון עפעס אנדערש, פרייטאג צונאכטס נאך די סעודה פלעגט ער זיצן לאנגע שעות אין דורך לערנען פילע ספרים פון די דרשה, וואס ער פלעגט אסאך זיצן אין לערנען מיט ב"ח מוה"ר מנחם ז"ל, בפרט אין די לעצטערע צייטן, וואס ער פלעגט זיך אסאך אוועק געבן, ער איז געווען א נאה דורש ונאה מקיים, ער האט אויך מחזק געווען אסאך אנדערעצובראכענע אידן אין אריינגעברענגט אין זיי אמונה ובטחון, שמחה אין התחזקות מיט בלויז שמייכל פון זיין צורה האט ער אויפגעלעבט די צובראכענע מענטשען, זעהענדיג א צורה מיט פילע יסורים אין צובראכענקייט, מיט עניות וואס האט א יעדעם איינעם אדורך געגומען, זיין השפעה בכל ענינים פאר די ישיבה הן ברוחניות הן בגשמיות עניני ממונות איז לא יאומן כי יסופר, ער האט מיט זיין שארפן מוח טאג אין נאכט נישט גערוט אין געווען א רץ כצבי וגבור כארי, זיין געוואלדיגע פקחות איז געווען ידוע לכל אין ענינים פון הבאת שלום בין אדם לחבירו ובין איש לאשתו, עס ווערט דערציילט ענינים נפלאים ווי ער פלעגט אויסגלייכן די שווערסטע קאמפליקאציעס אין משפחה סכסוכים וואס כמעט לא הניח דוגמתו.

**ער** פלעגט פארלערנען יעדן ליל ששי חובת הלבבות, וואס האט אריינגעדרינגען בתוך חדרי בטן, ער איז געווען א גרויסער בעל רגש אין טיפער בעל מחשבה, ער פלעגט פארן אין ישיבה יעדע דינסטאג אין דאנערשטאג, טראץ זיינע פילע פיזישע ליידן ל"ע כידוע, איז ער אבער געווען אריינגעלייגט אין ישיבה מיט די גאנצע כח אין חיות, וואס ער האט מיט זיין פקחות געלעזט אלע שווערע פראגעס פון די הנהלה רוחניות אין גשמיות, וואס האבן געווארט אויף זיין באהאנדלונג אין שליכטונג, בכלל יעדע דינסטאג נאכט אין בארא פארק איז פארגעקומען די מיטונג הידוע צוזאמען מיט נייטרא רב זצ"ל, אין נייטרא ביהמ"ד צוזאמען מיט ר' משה מנחם פלאזענבורג ע"ה ר' פנחס צבי לעדער ע"ה, אין להבלחט"א ר' אהרן פישער הי"ו, וואס ער האט דאס נישט מוותר געווען, אין עס איז אים געגאנגען בנפשו זיך אדורך רעדן דיע שווערע פראבלעמען מידי שבוע בשבוע.

יהי"ר זכותו הגדול והקדוש יגן וימליץ טוב בעדינו, ובעד כל ישראל, בביאת משיח צדקינו במהרה בימינו אמן.

## די קינדער יארן

**דער** גרויסער דערהויבענער גדול בתורה, און בעל מעשים טובים, וואס דער באשעפער האט געשיקט אויף די וועלט אויף צושטעלן ערליכע תלמידים, פול מיט תורה און חכמה און אויפלעבן די צובראכענע הערצער, החסיד רבינו יונה הלוי פארסט זצ"ל, איז געבוירן געווארן אין יאהר תרע"ו, אין די הויפט שטאט וויען, צו זיין טאטן הרבני החשוב ר' ישראל הלוי ז"ל, וואס זיין אפשטאם איז גיוועזן פון די ווייטע גאליציה, נאר צוליב די ערשטע וועלט מלחמה האט ער געמוזט ארויסוואנדערן פון די מדינה און האט זיך באזעצט און עסטרייך.

**זייענדיג** א ערליכער איד און ירא שמים וואס האט נהגה געווען מיגיע כפו, און האט געדיענט דעם באשעפער מיט ערליכקייט, און איז געווען גיוואוינט צו פאסטן יעדן מאנטיג און דאנערשטיג, דעם מנהג וואס ער האט אנגעהאלטן ביז די טיפע עלטערע יארן ווען ער איז געווארן אפגעשוואכט, און געמוזט קעגן זיין ווילן אויפגעבן אויף דעם מנהג.

**און** דעם שטוב איז געשטעלט געווארן די וויגעלע פון רבי יונה, און אין די ריינע לופט פון יראת שמים איז געווען זיין פריער אויפציאונג, נאך גאר אינגערהייט, איז דערקענט געווארן אז דא וואקסט א אויפגייענדער גייסטיגער מענטש, וואס אין איינע פון די קומענדיגע טעג וועט ער זיין גאר גרויס, זיין התמדה איז אריבער יעדן גרעניץ, ער האט געלערנט בייטאג און ביינאכט מיט א גיוואלדיגע התמדה און ליבשאפט, זיין יראת שמים האט געשיינט פון זיין פנים, זיינע מחנכים זענען פארגאפט געווארן פון זיינע גיבענטשטע כשרונות און יראתו הקודמת לחכמתו, און האבן און אים אריינגעלייגט אלע זייערע כוחות אוועקצושטעלן אים פאר א תלמיד הגון וואס ווער ס'זעט איהם נאר דערקענט גלייך, אז דאס איז זרע ברך ה'.

## גולה למקום תורה

**אין** דאס יאהר תרצ"א, אלט זייענדיג פופצין יאהר, איז ער געגאנגען לערנען אין טירנוי, וואו דארט איז געווען דער ראש הישיבה רבינו הגדול רבי שמואל דוד זצ"ל, און אין די ישיבה איז ער געשטיגן מיט תורה ויראה, ווען זיין רבי ווייזט איהם ארויס גרויס ליבשאפט, און אלע קוקן אויף איהם ארויף, ווי עס שיינט דא אויף א שטערן וואס לייכט מיט אלע מעלות און מדות וואס אונזערע חכמים רעכנען אויס.

**ביז** און זיינע טיפע עלטערע יארן איז כמעט נישט פאריבער א דרשה אדער שמועס ברבים וואס ער זאל נישט דערמאנען עפעס א ווארט אדער מעשה פון זיין גרויסן באליבטן רבי, א בחינה פון נפשו קשורה בנפשו, אינעם טיפסטן מיינונג פון דעם ווארט.

## מרבה ישיבה מרבה חכמה

**ווען** זיין גרויסער רבי איז פארופן געווארן צו דינען אלס רב און די שטאט נייטרא, איז זיין באליבטער תלמיד מיט געגאנגען מיט איהם. ווען ער האט געהערט אז די טויערן פון "ישיבת חכמי לובלין" האבן זיך געעפנט האט ער גילעכצט פארן לערנען און די ישיבה אונטער די פירערשאפט פון דעם גאון המורסם מהר"מ שפירא זצ"ל אב"ד ור"מ פון לובלין.

**רבי** יונה איז דאן פארעכנט געווארן צווישן די אויסגערופענע תלמידים וואס קען זיך פארהערן צוויי הונדערט בלאט גמרא, האט צוליב דעם אויסגענומען אויסערגיוועהנליך, און פארציילט גיווארן צווישן די לייבן פון די ישיבה.

**און** די שפעטערע יארן פלעגט ער נאך רעדן מיט פרישקייט און בענקעניש פון יענע תקופה, און געוואוסט נאך דערציילן פון די הייליגע וועגן פון די צדיקים וואס ער האט זיי געזעהן און די בחור'ישע יאהרן אזוי ווי די הרה"ק בעל "אמרי אמת" פון גער, הרה"ק מטשורטקוב, מהר"ם מלובלין, און נאך, זיינע רבי'ס און תורה ויראת שמים האבן גילאזט א שטארקן רושם אויף זיין יונגער נשמה, וואס איז געבליבן איינגעקריצט און די טיפעניש פון זיין הארץ, א רושם וואס איז קיינמאל נישט אפגימעקט גיווארן, ביי ר' יונה איז דער פארגאנגענהייט מיט דעם הוה גיוועזן צוזאמגעמישט אהן קיין אונטערשייד, כאילו בעל השמועה עומד כנגדו.

## אשרי הגבר אשר תיסרנו י-ה

**און** לובלין האט ער געלערנט עטליכע יאהר, און יענע צייטן איז ער פלוצלינג קראנק געווארן מיט א קרענק וואס האט איהם פאראליזירט, לאנגע חדשים האט ער געשוועבט צווישן טויט און לעבן, און א לענגערע צייט איז ער געווען און שפיטעלער זיך אפגעבענדיג מיט רפואות, ביז פון הימל האט מען זיך מרחם געווען און ער איז כמעט גענצליך אויסגעהיילט געווארן, נאר זיינע פיס זענען געבליבן געלעמט ל"ע, און געדארפט א רעדער בענקל (וויל-טשער) זיין גאנצער לעבן.

מ'דארף אנצייכענען אז ווער עס האט זיך אפגעגעבן מיט איהם און די שווערע צייט פון זיין קרענק מיט גרויס געטריישאפט, איז געווען זיין חברותא און לובלין, הגאון רבי

שמואל הלוי וואזנער זצ"ל, די צוויי וואס זענען געווען געקניפט און געבונדן מיט זייער ליבשאפט, וואס און דעם זכות האט זיך דערקענט א גרויסער פארגרינגערונג און זיין מצב, שפעטערע יארן שרייבט הגר"ש וואזנר און א בריעוו צו איהם "כבוד חברי ועמיתי..." רבי יונה אליין האט עדות געזאגט אז זייענדיג און שפיטאל איז אריבער אויף איהם שווערע נסיונות, הגה"צ מנייטרא זצ"ל האט פארציילט, אז רבי יונה אליין האט אים געזאגט אמאל, אז ווען נישט פאר זיינע תפלות מיט אסאך געוויין, און די פיהל סייעתא דשמיא וואס ער האט זוכה געווען דארט, וואלט ער נישט געקענט שטיין און די פילע נסיונות וואס האבן געלאקערט אויף איהם אויף א שרעקליכן אופן.

**סיי** צוליב דעם וואס ער איז געווען און א פרעמד אומבאקאנטע סביבה פון אידן, און סיי, ווייל ס'האט איהם דארט געפעלט ספרים צו לערנען, און דערצו האט ער זיך דארט אכטונג געגעבען פון צו עסן מאכלות אסורות. כדי אז די צייט זאל נישט פאריבער גיין ליידיג, האט ער זיך אפגעגעבען מיט ליינען פארשידענע ספרי חכמה וואס איז געווען און די אוצר הספרים פון שפיטאל, ווי למשל ביכער פון חכמת היד והכתיבה, און זיין בקיאות און די חכמות איז געבליבן איינגעקריצט און זיין זכרון זיין גאנץ לעבן, און קורצן צו זאגן, זיין ווילן און שפיטאל זייענדיג געבונדן צום קראנקן בעט, האט נישט צובראכן זיין שטארקער גייסט, און ס'איז שווער זיך פארצושטעלן ווי אזוי ער האט געקענט זיך האלטן און די שווערע אומשטענדן.

**מ'פלעגט** זאגן: אז כאטש ער האט נישט געקענט גיין מיט זיינע פיס, איז ער דאך אנגעקומען פיזיש און גייסטיש צו יעדן פלאץ וואס ער האט געוואלט.

**און** צוגאב צו זיין שטייגן און תורה, איז רבי יונה אויך געווען אויסגעצייכנט מיט זיינע איידעלע מדות, וואס זענען געווען אויסגערופן צווישן אלע זיינע חברים און גוט פריינד, הויפטזעכליך זיין מדת החסד, איז געווען דער ברילאנט פון דעם קרוין פון זיינע אויסגערופענע מדות, וואס האט איהם באגלייט ביזן לעצטן טאג.

**ס'ווערט** דערציילט, און א געוויסן טאג האט ער זיך דערוואוסט אויף א געוויסן בחור וואס זיין מצב איז געווארן גאר ענג, אז ממש ער פארמאגט נישט גארנישט, וואס האט ער געטון, ער האט געהאט תפילין וואס ער האט באקומען צו די בר מצוה, גאר טייערע און חשובע מיט פילע הידורים, וואס זייער ווערד איז געווען גאר גרויס, און האט עס פארקויפט, און געקויפט אנדערע תפילין מיט ווייניגער הידורים, און די איבער געבליבענע געלט האט ער איבער געגעבען פאר זיין חבר, אים אויסצובעסערן זיין צושטאנד, אויף אזוי ווייט האט אנגערירט צו זיין ריינער הארץ די מצב פון א צווייטן ביז ער האט נישט געטראפן קיין רוה ביז ער האט ארויס געהאלפן ארויסגיין פון זיין שווערן צושטאנד.

## צוריק אין ישיבת נייטרא

**קוי** ה' יחליפו כח. ווען זיין געזונט צושטאנד איז אביסל בעסער געווארן, האט רבי יונה מחליט געווען צוריק גיין קיין נייטרא צו זיין גרויסן רבי'נס ישיבה, כאטש ס'איז געווען געבינדן מיט אסאך שוועריקייטן, ווייל ער האט געדארפט אנקומען צו די הילף פון אנדערע מענטשן, אבער זיין פעסטע החלטה און לעכצן האבן אים נישט צוריק געהאלטן פון אויסצופירן זיין וואונטש.

**צו** גרויס שעצונג האט ער זוכה געווען פון זיין רב'ין מרן בעל הנאות דשא זצ"ל, צווישן די יארן תרצ"ח תש"ד לערנענדיג און נייטרא פלעג דער רבי גיין אסאך שפאצירן מיט זיין יונגען תלמיד רבי יונה, און שמועסן מיט איהם און דברי תורה, און אנדערע ענינים וועלכע זענען געשטאנען אויפן טיש, נאר אזוי ווי רבי יונה האט נישט געקענט גיין אויף זיינע פיס, פלעג זיין רבי אים פירן מיטן רעדער בענקל, און אלע תלמידים פלעגן קוקן מיט וואונדער ווי אזוי דער רבי באדינט אזוי זיין יונגן תלמיד.

**און** די מלחמה יארן ווען מ'איז שוין אנטלאפן, האט דער רבי געזאגט אויף רבי יונה, זעט'ס אז רבי יונה זאל נישט בלייבן דא, ווייל ער איז א קדוש, און מ'דארף עהם ראטעווען (מפי בנו רבי שלום משה אדמו"ר מנייטרא זצ"ל).

**נאר** זיין געפונען זיך צווישן די ווענט פון די ישיבה אליין, האט א שטארקן איינדרוק געהאט אויף די גאנצע סביבה, בפרט זיין גרויסער רבי הגאון רחמ"ד האט זיך שטארק גערעכנט מיט זיין מיינונג, און געזעהן און אים דער אדם השלם, רבי יונה האט זיך כמעט אינגאנצן אפגעזונדערט פון אלע עולם הזה'דיגע זאכן, ער האט זייער ווייניג געגעסן, ווייניג געשלאפן, ער האט מקיים געווען דעם "אין התורה מתקיימת אלא במי שממית עצמו עליה, די עלטערע תלמידים פון נייטרא זענען מעיד אז צוליב זיין גרויס פלייס און לערנען און אויפהער, פלעג ער איינשלאפן און זיין רעדער בענקל, אלע האבען איינגעזעהן און איהם א "תלמיד המחכים את רבו".

**ווען** אימער זיין גרויסער רבי האט איבער געגעבען א שיעור ברבים פאר די בני הישיבה, וואס האט געציילט דעמאלס ביי די דריי הונדערט בחורים, פלעג רבי יונה מפלפל זיין אדער אנצייכענען אז די קשיא ווערט געברענגט דא, און דער ענין ווערט ארומגערעדט דארט, סהאט אזוי שטארק ארויסגעשטעלט, אז ווען דער רבי האט גיפרעגט א קשיא, האבן אלע זיך געווענדעט צו רבי יונה הערן פון איהם צו די קשיא ווערט געברענגט און די ראשונים אדער אחרונים, ער האט זיך זייער שטארק מסגף געווען זיין גוף, רוב וואכן טעג האט ער זיך באגיניגענד מיט עסן סארדינען, איבריג צו זאגן אז ער האט קיינמאל נישט געגעסן ביי א צווייטנס טיש, נאר געווען אינגאנצן איבער געגעבן צו תורה ועבודה.

קורץ פארן אויסבראך פון דעם קריג וואס האט גיברענגט א חורבן אויפן אידנטום אין איראפע, האט מען גיבויעט אפאר צימערן לעבן בית המדרש פאר די ארימע בחורים וואס האבין נישט געקענט באצאלן פאר א געהעריגע אכסניא, פארשטענדליך האט רבי יונה זוכה געווען און איינע פון די צימערן, וואס האט געהאלפין גרינגער מאכן פאר איהם אנצוקומען און היכל הישיבה, פון דעמאלס אהן איז זיין צימער געווארין פון א פריוואטער צימער, צו א הויפט צימער וואס אלע פלעגן קומען דארט זיך בארעטען מיט איהם אין פארשידענע ענינים, וואס מיט זיין קלוגשאפט האט ער געוואוסט ווי אזוי צו ענטפערען און פירן יעדן אויף זיין אייגנארטיגן וועג, אפילו זיין רבי פון נייטרא מיט זיין איידעם הגרחמ"ד פלעגען אפט איהם באזוכן און זיך דורך שמועסן און ענינים העומדים על הפרק.

**זיינע** חברים און ידידים וואס זענען גיוועהן באזארגט און אין ענגשאפט, פלעגן טרעפן זייער טרייסט, און זיינע פערל ווערטער וואס ער פלעגט זיי בארואיגן מיט דעם אין א בחינה פון "מים קרים על נפש עיפה", זיין גרויסער רבי פלעגט פון צייט צו צייט שיקן צו איהם בחורים וואס האבין געדארפט חיזוק, און ווער ס'איז אריין צו רבי יונה טרויעריג, איז ארויס פון איהם מיט א פרייליך ליסטיג הארץ.

## שנות הזעם

**שווערע** כוואליעס פון איבערלעבענישן זענען אריבער אויף רבי יונה, און די אומדערטרעגליכע מלחמה יארן, אבער די השגחה עליונה, האט געהאלטן א אפן אויג איהם אפצוהיטן, און פון הימל איז ער געסטעמפלט געווארן צום לעבן, מיט אסאך ניסים וואס ס'איז שווער ארויס צוברענגן אויף טריקענעם פאפיר איז ער געראטעוועט געווארין פון די אלע טויט סכנה'ס וואס האבין געלאקערט אויף איהם, זיך אינטרעסאנט צו פארצייכענען דעם לשון וואס הגרחמ"ד זצ"ל שרייבט און איינע פון זיינע בריוו און יענע צייט צו א גוטן פריינד וועגן ר' יונה, **"יש בחור בישיבתנו, גאון בתורה וצדיק בדרכיו בשמו ר' יונה פארסט נ"י מגולי וויען והוא חולה את רגליו..."** און די ווייטערדיגע שורות ליינען מיר פון די אהנשטרענגונג וואס איז כדאי צו מאכן עהם צו ראטעווען, **"ואם יציל את הבחור הצדיק הזה בדרך הזה, אז מובטחני שעשה צדקה גדולה מאוד מאוד כדאי לחלק עוה"ב יותר מאשר עושה עמי ועם ביתי כי אין כערכו"**, די ווערטער רעדן פאר זיך אליינס!.

**ווער** האט געקענט זיך פארשטעלן ווי אזוי רבי יונה מיט זיינע מחלות און זיין נישט קענען גיין מיט זיינע פיס וועט קענען אריבער גיין די שווערע צייט וואס איז אריבער אויף אידן און די יאהרן, אין אהנהייב איז רבי יונה געבליבן און נייטרא, ווען די פארשאלטענע רשעים האבין געזוכט די בחורים, האבן זיי זיך באהאלטן און פארשידענע פלעצער, אבער רבי יונה צוליב זיין צושטאנד איז געצוואונגען געווען צו בלייבן אויף זיין פלאץ, און פון דעסטוועגן דאך, האבין די רשעים איהם קיינמאל נישט באמערקט, ביז ס'איז ארויס א קול אז רבי יונה איז בבחינת "רואה ואינו נראה" ווייל ס'האט זיך איבער גיחזר'ט מערערע מאל.

**גלייך** אנהייב מלחמה איז סלאוואקאי צוטיילט געווארין אויף צוויי חלקים, ווען איין חלק האט געהערט צו אונגארן, געוועהן איז דאס פרייטאג צונאכט און די טיפע נאכט שעה'ן זענען געקומען די רשעים און האבן אנגעהויבן כאפן מענטשן בעיקר די וועליכע זענען נישט גיוועהן קיין סלאוואקישע בירגער, זיי ארויף געטריבן אויף א גרויסע קאר, און זיי געפירט ביזן גרעניץ אויפן פרייען פעלד, פון דארט האבן זיי געמוזט אנטלויפן קיין אונגארין, די איבערקערניש וואס האט זיך אפגעטוען ביים גרעניץ איז שווער זיך פארצושטעלן, מענער ווייבער און קינדער זענען געלאפין אהין און צוריק, נאר איינער... רבי יונה האט נישט גיקענט לויפן, די רשעים האבין איהם אנגעטון געברענטע צרות, ביז זיין גרויסע רבי און הגרחמ"ד האבין זיך משתדל גיוועהן פאר איהם און מיט אסאך שוחד האבן זיי מצליח געוועהן באקומען א ערלויבעניש זיך צוריק קערן קיין סלאוואקאי, און מיט דעם פארגרינגערט זיין מצב.

**ביים** לעצטן טראנספארט, ווען מ'האט פארשיקט אלע אידן פון גאנצן שטאט סוף יאהר פון תש"ד, זענען פארבליבן אפאר באהאלטענע אידן און זייערע באהעלטעניש, דעמאלס האט רבי יונה מצליח געוועהן זיך באהאלטן ביי דעם גר פריקריל, וואס אויף זיינע פאפירן נאך זייענדיג א גוי איז ער געוועהן א אנשטענדיגע בירגער, נאר צום סוף האט מען אויך איהם געכאפט, און אויך רבי יונה איז פארטריבן גיווארן קיין "סערעד", וואונדערליך איז וויאזוי רבי יונה איז געפעלין פאר דעם הויפט רשע ימ"ש וועלכער האט איהם אפגעלאזט נישט טשעפענדיג איהם.

**שפעטער** איז ער געשיקט גיווארין צוזאמען מיט נאך הונדערטער אידן קיין טרעזיענשטאט, אהן זיין רעדער בענקל (וויל-טשער), ווייל ס'האט קיינער נישט געטראכט אז ער וועט נאך זיך ארויס דרייען פון די נעגל פון די רשעים, נאר דער אייבערשטער האט געשיקט זיינע מלאכים היטן אויף איהם, און גלייך ווי ער איז אנגעקומען האט מען איהם אריינגעלייגט און דעם דארטיגן שפיטאל, יעדע וואך האבן די רשעים באזוכט די קראנקע און האבן דן געווען דיני נפשות, און ווער ס'האט זיי אויסגעזעהן נישט פאסיג צו די ארבעט, האבין זיי פארשיקט קיין אוישוויץ, די דאקטוירים וואס רבי יונה האט זיי געפעלן, האבן איהם אלס באהאלטן פון די אויגן פון די רשעים, אזוי האט ער זיך אויפגעהאלטן די גאנצע מלחמה און שפיטאל, מ'האט געזעהן באשיינפערליך ווי דער אייבערשטער האט געהיטן אויף איהם אויף טריט און שריט.

**אין** שפיטאל האט מען געטיילט פלייש מיט פעטענס, א זאך וואס אין די ארבעטס לאגערין האט מען נישט געהערט און געזעהן, אבער רבי יונה מיט זיין גרויס ערליכקייט

האט דאס נישט אריינגענומען און מויל, ער האט אויך אין שפיטאל זיך באגייגנט מיט טריקן ברויט און א ביסל וואסער, דאס איבריגע האט ער פארטיילט פאר אנדערע, ס'האט פארציילט א חשוב'ע פרוי פון נייטרא אז זי פלעג אלס גיין און שפיטאל און באקומען פון איהם וואס ער האט אלס אפגעשפארט פאר איהרעט וועגן, און מיט דעם האט זי זיך דערהאלטן דאס לעבן, אויך פון די מאלצייטן וואס די דאקטוירים האבין פאר איהם גיברענגט האט ער זיך געטיילט מיט אנדערע, און פון זיין ארעם ברויט האט ער זיך געטיילט מיט די נויטבאדערפטיגע.

## למען אחי

**אין** די שוידערליכע תקופה איז געווען די עיקר זארג פון רבי יונה, ווי אזוי צו פארבעסרן די אומשטענדן פון זיינע אידישע ברידער אויף וויפיל ער האט נאר געקענט, א דוגמא טרעפן מיר און א בריוו געשריבן און אידיש דייטש, "איך בין נאך צומישט פון די ידיעות וואס זענען אנגעקומען.... מ'דארף ראטעווען יעדן אידישן געזעל... איהר האט זיכער געהערט אז מ'האט געכאפט א בונקער מיט זעקס נפשות... ס'איז שווער אריבער צוטראגין די צרות וואס קומען איינע נאך די אנדערע... מ'קען פארדעקן די קאפ מיט די האנט און מאכן א ברכה, אויב נישט דארף מען נאר טראכטן די נוסח הברכה...."

**ווייטער** שרייבט ער, "די רשעים ארבעטן יעצט מיט די לעצטע כוחות זיי טרייסלן ווי א חיה... זאל דער אייבערשטער געבן רחמים מ'זאל אויסהאלטן ביז דעמאלס, און מיר זאלן זוכה זיין צו זעהן און זיך פרייען מיט אונזערע אידישע ברידער די נאנטע און די ווייטע, ווייל איין גרויסע משפחה זענען מיר, אלע זענען קינדער פון אברהם יצחק ויעקב, און דער הייליגער באשעפער זאל ראטעווען אונזער זעהל פון אלעם שלעכטס, כדי אונז זאלין קענען ווייטער טוען זיין רצון, כאות נפשכם הטהורה ונפש ידידכם הדורש שלומכם באהבה עזה", די ווערטער זענען א עדות פאר זיך!...

## ויהי אחרי המגיפה

**נאך** די מלחמה איז רבי יונה געווען צובראכן ווי א שארבן בגוף ובנפש, ובפרט אז און די גאנצע צייט האט ער כמעט גארנישט געגעסן, זיינע גאר נאנטע חברים האבין זיך נישט געגלייבט אז ער איז געבליבן ביים לעבן.

**ער** איז צוריק געקומען קיין פרעסבורג הויט און ביין, און געמוזט ווידער ווילן און שפיטאל, וועו ער איז אביסל געקומען צו זיך, אין זיין צושטאנד האט זיך געבעסערט איז ער צוריק געפארן קיין נייטרא, און גלייך אנגעהויבן פון דאסניי זיין טעהטיקייט, בפרט פאר די עלענדע יתומים וואס זענען געבליבן איינער פון א שטאט און צוויי פון א משפחה. צובראכן און מיואש אהן קיין האפנונג, רבי יונה האט זיי מחזק גיוועהן און געשטארקט זייער הארץ און אריינגעבלאזן אין זיי א נייער לעבן גייסט.

**פאלגענד** זענען אויסגעקליבענע אויסצוגן פון רבי יונה'ס זכרונות וואס ער האט פאר זיך פארצייכנט און יענע טעג. "איך וועל פרובירן צוזאמקלויבן פון מיין זכרון אפאר זאכן פון ווען די ישיבה האט פארלאזט די לאנד וואס איז אנגעזאפט מיט אידיש בלוט ביז זי איז אנגעקומען קיין אמעריקא, די פאפירן וואס מ'האט געדארפט מסדר זיין ביים אמעריקאנער קאנסול און פראג איז געוועהן געבינדן מיט אפאר שוועריקייטן.

**מיר** האבן געציילט ביי די זיבעציג בחורים מיט נאך אפאר אינגעלייט מיט זייער משפחה וואס זענען אנגעקומען קיין קארלסבאד און טשעכאסלאוואקיי, אין מרן רחמ"ד זצ"ל איז אונז אקעגן געקומען פון אמעריקא, מיט די הילף פון ידידים און תלמידים פון מרן הגה"ק אבדק"ק נייטרא זצ"ל האט ער שוין צוגעגרייט א פלאץ זיך צו באזעצן און סאמערוויל נוא דזשורזי, דארט אוועק שטעלן א ישיבה און צושטעלן אלעס וואס פאדערט זיך צו די נייע לעבן אומשטענדן.

**און** קארלסבורג איז נישט גיפעלין פאר רחמ"ד זצ"ל אונזער צייטווייליגע וואוינונג וועלכער איז געוועהן א גרויסער שיינער האטעל, צוליב די פריצות וואס איז דארט געוועהן, און איז נישט צוגעפאסט פאר ישיבה בחורים, און האט גלייך צוגעשטעלט א אנדערע פלאץ אפילו ס'איז נישט געוועהן אזוי פיין צוגעשטעלט ווי די האטעל, אבער די נסיונות זענען געווען ווייניגער.

**בדרך** כלל איז יעדער געראטוועטער בחור געוועהן ביי איהם ווי א טייערער בריליאנט וואס מ'דארף אויף איהם היטן ס'זאל איהם גארנישט שאטן, און זאל נישט חלילה פארלוירן גיין. ווייל ער האט געדענקט כמעט יעדנ'ס אפשטאם, און גענומען אויף זיך דעם פולן אחריות צו ערזעצן דאס פלאץ פון טאטע מאמע פון די יתומים, וואס ס'איז און די קורצע יארן אריבער אויף זיי מער ווי ס'גייט אריבער אויף א געווענליכער מענטש און הונדערט יאהר.

**שבת** קודש סליחות פון שנת תש"ו לפ"ק האט ער געזאגט א דרשה פאר זיי, און זיינע ווערטער האבן די צער און טרויער זיך איינגעהילט און א פיהל פארביגן צורה, און די געוויינען זענען געגאנגען אהן קיין גרעניץ, אויך האט ער און זיינע ווערטער ארויסגעברענגט אסאך חיזוק און טרייסט. דעמאלס האט ער זיך אויך מתיר נדר גיוועהן פון זיין געוואוינהייט צו פאסטן און די סליחות טעג, צוליב זיין שוואכן צושטאנד נאך א הארץ אטאק וואס ער איז אריבער קורץ פאר דעם, און דעמאלס האט מען איהם אויך צוגיגעבן דעם נאמען חיים.

**נאך** ר"ה תש"ז זענען מיר געפאהרן מיט די באן דורך די פארשאלטענע דייטשלאנד, און נירנבערג האט זיך די באן אפגשטעלט, און דעמאלס האבן מיר געהערט פון דעם גרויסן משפט וואס האט זיך געפירט קעגן א חלק פון די גרויסע רוצחים, וואס מ'האט זיי געאורטיילט צום טויט דורך הענגן. דאס איז דער יושר פון די פאלשע וועלט, ווען צענדליגע טויזענטער זענען דערשטיקט און פארברענט געווארן, און נאר געציילטע פון די רוצחים זענען געהאנגין געווארן. מיר ווייסן און גלייבן אז זייער אורטייל איז פארזיגלט אויף שטענדיג, אזוי ווי דער פסוק זאגט "כי דם עבדיו יקום, ונקם ישיב לצריו", און אויך שטייט "ונקיתי, דמם לא נקיתי". מ'קען נישט ארויסברענגען און ווערטער אונזער געפילן דעמאלס, איך ווייס נישט אויב די געראטעוועטע האבן געבענשט ברכת הגומל, אזוי אויך גדענק איך נישט צו זיי האבן געהאלטן דיני אבילות לפחות ווי א בעל שמועה רחוקה.

**אהן** ווערטער האט יעדער פארשטאנען וואס גייט אריבער און צוויטנ'ס הארץ, ס'איז געוועהן רעדן אהן א קול, און הערן אן ווערטער, געוויין אן טרערן, און פון דעסטוועגן האט דער מלאך השכחה זיך באזעצט און די הערצער, די האפנונג צו א נייעם לעבן האט פארדעקט אויף רוב געפילן.

**יום** כיפור זענען מיר שוין געווען און פראנקרייך און די שטאט ווערסיי, א שטאט לעבן די הויפט שטאט פאריז, מ'האט געדונגען פאר אונז צוויי שטאק און א האטעל (האטעל דע נאייל), און א גרויסער זאל און די אונטערשטע שטאק, האט געדינט פאר אונז פאר א בית מדרש צום לערנען און דאווענען ווי אויך צום עסן און א קאך, די זאל איז געווען אפגעטיילט מיט א גרויסע גשמיות'דיגע און רוחניות'דיגע מחיצה, ווייל ווי באוואוסט זענען די פראנצויזן נישט אויסגעצייכנט מיט איבריגע צניעות, און צוליב דעם זענען מיר כמעט נישט ארויס אויף די גאס, נאר גאר שפעט ביינאכט ווען די גאסן זענען ליידיג פון מענטשן.

**איין** מאל א וואך זענען געפארין א קבוצה בחורים מיט א ספעציעלע אויפזיכט קיין פאריז זיך טובל'ן און מקוה, אונז האבן דעמאלטס געלערנט פרק הכל שוחטין, און מיט א אמתע התמדה, אפשר נאך מער ווי די מסודר'דיגע ישיבות יעצט דא אין אמעריקא.

**מיט** דעם זענען אריבער די הייליגע טעג, די געפילן וואס האבן אנגעפילט אונזער הארץ ביי די תפלות פון יום כיפור, קען אונזער פארגרעבטע גוף און מוח נאך דרייסיג יאהר און אמעריקע נישט דערגרייכן. די סוכה איז געוועהן א זעלטענע, ווען די ווענט פון האטעל האבן געדינט אלס ווענט, ס'איז געווען א לאנגע און שמאלע פלאץ וואס נאר געציילטע האבן געקענט עסן דארט אויף איינמאל. סך הכל האבן מיר זיך אויפגעהאלטן און פראנקרייך בערך אכט וואכן, ווייל ס'איז געווען א סטרייק פון די ארבעטער ביים פארט פון אמעריקע.

**דעם** דריטן פון דצמבר איז געקומען דער אויסגעווארטע טאג, ערב שבת קודש זענען מיר ארויף און שרבורג אויף די שיף איל-דה-פרנס וועלעכר האט געדינט ביי די מלחמה און אויך נאכדעם צו פירן סאלדאטן, דעם עלעפטן פון דצמבר זענן מיר אנגעקומען צום פארט פון ניו יארק, מיט באסעס זענען מיר געפארן קיין סאמערוויל ניו דזשירזי, און מיט דעם האט זיך אנגעהויבן דאס לעבן און ישיבת נייטרא און אמעריקא".

**ביז** אהער זענען די ווערטער פון רבי יונה וואס זענען ארויס פון די טיפענישן פון זיין הארץ, וועלכע ער האט פארעפנטליכט אן שרייבן א נאמען.

## מקבץ נדחים

די תלמידים וואס האבן איבער געלעבט די מלחמה, האבן זיך צוזאמגעקליבן ארום איהם, אויך די אינגערע צווישן זיי וועלכע זענען געבליבן אהן קיין באשיצער און ריקןביין זיך אנצולאנען, האט ער גענומען אונטער זיינע פליגל, ער האט אויפגילייכט זייערע אויגן צושטעלנדיג אלע זייערע רוחניות'דיגע און גשמיות'דיגע באדערפנישן, דא האט ער איינגעפלאנצט די ערשטע ווארצלין פון די נייע וועלט, ווען ער אליין דינט ווי א געטרייער טאטע אויף יעדן טריט און שריט.

**ווי** באוואוסט פאר די אלע וואס האבן מיט געמאכט די לאגערן און זוכה געוועהן באפרייט צו ווערן פון אונטער די הענט פון די רשעים ימ"ש, איז דער מצב פון מדות און דרך ארץ געוועהן דעמאלס אפשר ערגער נאך ווי און די לאגערן אליין, ווייל מ'איז צוריק געקומען צו א וויסטן מדבר, אהן קיין אהנלעהנער, אהן קיין פירער און וועג ווייזער, וירהבו פני הנער בזקן ונקלה בנכבד, אהן קיין שום סדר און אויפזיכט, ס'איז געוועהן א וועלט פון הפקרות.

**דעמאלס** האט זיך ארויסגעוויזן דער כח פון די מנהיגי הדור וועלכע זענען געבליבן מיט'ן אויבערשטינס הילף ביים לעבן, און צווישן זיי אלע, האט ארויס געשיינט דער געשטאלט פון רבי יונה זצ"ל, וואס ער איז געוועהן איינע פון דעם אויבערשטענ'ס שליחים אויפצושטעלן א נייעם דור, איינפלאנצן און זיי תורה און יראת שמים און מדות טובות, מיט הכנעה און קבלת עול מלכות שמים און עול חכמים ונבונים.

**די** תלמידים פון יענע יארן זאגן, ווער ווייסט וואס וואלט געווארן מיט אונז ווען מיר טרעפן נישט אהן רבי יונה זצ"ל, דער אויסגעוועלטער וואס האט צוגעטראפן די שפראך מיט יעדן איינציגן פון אונז, ער איז אריינגעקראכן און יעדן איינעם הארץ פון וועלכן אפשטאם ער זאל נאר זיין, א חסידישער אדער אשכנזישער, אדער אמעריקאנער, ווער נאר ס'איז געקומען און קאנטאקט מיט איהם, און אלעס מיט זיין פשטות אין ענוה מיט קלוגשאפט.

**ווי** פאסיג זענען די ווערטער פון מדרש (שיר השירים רבה א) עיניך יונים, מה יונה זו נכנסת לקינה ומכרת את קינה ושובכה וגוזליה ואפרוחיה וחלונותיה וכו'. אויף אלע זיינע פעולות און זיין טבע און מהות פון דעם אדם גדול, וואס יעדער תלמיד איז גיוועהן נאנט

און געבונדן צו זיין הארץ, ער האט געקענט יעדן איינעם און ווי א אדלער וואס שיצט אויף זיינע גוזלים, אזוי האט ער אויך געוואוסט ווען צו גלעטען און שטארקן, און ווען צו מוסרן.

**ווען** די מלחמה האט זיך געענדיגט, האט רחמ"ד געוואוינט און שווייץ, אבער פון דארט האט ער זיך פאראינטערעסירט ברייווליך מיט אלע געשעהנישן געשריבן מיט אלע פארבליבענע תלמידים פון נייטרא און אנדערע נאנטע, ווי שוין דערמאנט האבן די תלמידים געוואנדערט פון נייטרא קיין קארלסבאד, און פון דארט קיין ווערסיי און פראנקרייך, ווען און שפיץ שטייט דער קאפיטן וועלכער האט געפירט די צובראכנע שיף און צוזאמען אנגעקומען נאנט צו די לעצטיגע חנוכה טעג שנת תש"ז.

## ימי בראשית

**די** עלטערע תלמידים דערציילן מיט באגייסטערונג פון די 'בראשית' טעג און סאמערוויל, רבי יונה איז געשטאנען און שפיץ, און פארנומען אפאהר אמטען אויף איינמאל, פארגעלערנט רעגלמעסיג שיעורים, געהאלטן אינהאלטס רייכע דרשות פול מיט יראת שמים, זיינע פייערדיגע ווערטער למען ה' ותורתו האבין געטראפין א ווארעם ווינקל און די הערצער פון זיינע צוהערער, וועלכע האבן געטרונקען מיט דארשט יעדעס ווארט, צו דעם האט ער אויך געדינט ווי א געטרייער טאטע, וועלכער האט געוויטאגט דאס ווייטאג פון זיינע ליבע תלמידים ווי אויך זיך מיט געפרייד מיט זייער פרייד, זייענדיג זייער לעבנ'ס קנויט, די איינגעטרוקנטע ביינער האבן פון דאסניי אויפגעלעבט, און דאס גלוסט צום לעבן האט זיך געשטארקט.

**ווי** הערליך איז געווען צו צוזעהן ווען ער האט זיך באטייליגט ביי א שמחה פון זיינע תלמידים זיינע אויגן האבן געשיינט מיט ליבשאפט און פרייד, און א שטארקע נאנטקייט, כאילו ער איז פון די קרובים אדער מחותנים, און זיך מיט געפרייט ווי ביי זיין אייגענע שמחה ממש. איבערלאזנדיג א הערצליכן ברכה פון טיפעניש פון הארץ.

**ס'איז** באוואוסט וואס דער נייטרא רבי זצ"ל האט געזאגט ביים הספד אויף איהם, דער נביא זאגט "עיני עיני יורדה מים" ווען מ'האט אויפגעשטעלט ישיבת נייטרא און אמעריקע זענען געווען צוויי גדולים וואס האבן אונז געהאלפן, דאס איז געווען ר' מיכאל בער זצ"ל און רבי יונה זצ"ל, זיי זענען געווען אונזער אויגן, יעצט האבן מיר שוין פארלוירן ביידע.

## דאס דביקות אין התקשרות מיט הרה"ק מסאטמאר זצ"ל

**יענעם** יאהר איז אהנגעקומען קיין אמעריקא הרה"ק מסאטמאר זצוק"ל, צוליב די נאנטע ידידות וואס איז געווען צווישן איהם מיט הגרחמ"ד נאך פון פריער, זייענדיג איינשטימיג מיט זייער געדאנקען גאנג, האט רחמ"ד איהם געליידנט קיין סאמערוויל, און הגה"ק מסאטמאר האט אנגענומען די איינלאדנונג און געוויילט לעבן די ישיבה פון פסח ביז שבועות פון שנת תש"ז.

**דא** האט זיך באנייעט די פריינדשאפט צווישן רבי יונה מיט הגה"ק זצ"ל, און אין די תקופה וואס ער האט געוויילט דארט, האבן זיי פארברענגט גאנצע נעכט צוזאמען און שמועסן אונטער פארמאכטע טירן, אזוי האט רבי יונה אליין פארציילט, און הגה"ק האט זייער געשעצט און מכבד געווען רבי יונה, און ער האט זיך אמאל אויסגעדריגט אז ער וויל מקבל זיין פני משיח צוזאמען מיט רבי יונה, ווען ער איז געזונט און שטייט אויף זיינע פיס, אזוי אויך האט ער זייער געשעצט זיין הייליגע ארבעט מיט די תלמידים און אנדערע אויך, און איינע פון זיינע בריוו ברענגט ער ארויס זיין גרויס שעצונג מיט די ווערטער 'חסידא ופרישא'.

**אויך** און די שפעטערע יאהרן פלעג ער פארן פון צייט צו צייט צום רבי'ן, און אסאך מאל פלעג איר נאכזאגן און זיינע דרשות פון זיינע דברי תורה, עס האט דערציילט הגה"צ רבי משה ליב הורוויץ אבד"ק סטריזוב שליט"א, אז ער איז געווען דערביי ווען רבי יונה איז געקומען אמאל איינע פון די חנוכה נעכט צוזעהן די עבודה פון הגה"ק מסאטמאר ביי די חנוכה לעכט און הערן די דברי תורה, און מיטן דעם פלפול האט רבי יונה באמערקט א שטארקע באמערקונג, און כאטש ס'איז געווען א פלא ביים ציבור וועלכער איז נישט געווען געוואוינט צו אזאנס, האט הגה"ק מסאטמאר אפגעשטעלט אינמיטן דעם פלפול און זיך אריינגעלאזט און א פלפול מיט איהם ביז זיי האבן זיך אויסגעגליכן.

**ר'** יונה האט דערציילט, אז ער האט געהערט און די ערשטע יארן און אמעריקע, אז הרה"ק מסאטמאר האט געוואלט בויען או מקוה טהרה, אבער דער ענגער מצב פון פרנסה וואס איז דעמאלס געווען, איז זייער שווער געווען, און ער האט געדארפט בארגן א גרויסן סכום געלט פון איינעם, און האט צוגעזאגט צו א געוויסע צייט באצלן דעם חוב, ווען די צייט איז געקומען איז דער מענטש געקומען בעטן זיין געלט, האט מרן שטארק גיבעטן ער זאל מוחל זיין אויף דעם חוב, זאגנדיגן אז ס'איז זייער א גרויסער זאך, מער ווי די וואס זענען מנדב א בית המדרש וכדו', וואס ביי דעם איז דא אויך כבוד אזוי ווי עהם זעצן פון אויבן וכדו', אבער ביי א מקוה טהרה איז נישט שייך די זאכן, און ס'איז אינגאנצען לשם שמים.

**הגה"צ** ר' שלמה זצ"ל האט דערציילט, אז ער איז דארט געווען ווען דער שכן פון ר' יונה, ר' יודל קארן ז"ל פון די חשובע סאטמארע חסידים און ב"פ, האט געמאכט א חנוכת הבית, מיט די באטייליגונג פון דעם סאטמארער רבי זצ"ל, ווען סאטמארער רב איז אראפ די טרעפ האט ער פון דערווייטנס געזעהן אז ר' יונה זיצט דארט, ווען ער אנגעקומען אויף די גאס האט ער זיך געדרייט אויף רעכט'ס, און דער משב"ק ר' עזריאל ע"ה האט זיך געדונגן מיטן רבי'ן אז די קאר שטייט אויף די לינקע זייט און דארט דארף מען גיין, אבער ער האט זיך געאקשנט צו גיין רעכטס, נאך דעם האט מען פארשטאנען אז ער האט געוואלט זיך טרעפן מיט ר' יונה, און האט איהם טאקע געגעבן שלום און געשמועסט מיט איהם.

**אמאל** האט ער דערציילט אז ער האט געהערט פורים די מגילה ליינען פון סאטמארער רב זי"ע, און ער האט געזאגט אז ס'איז געווען אזא גרויסע התעוררות אזוי ווי ס'איז ביי א פשוטער איד תפלת נעילה יום כפור, ממש יעדע ווארט האט זיך געטייטשט לויט די מאמרי חז"ל, ווייל וואס פאר א נפקא מינה איז וועלכע מצוה מ'טוט, צו איז עס עסן מצה צו לימוד התורה אדער גמילת חסדים אדער חייב איניש לבסומי, אדער אנדערע מצות, אלע מצות האט דער אויבערשטער באפוילן, און יעדע מצוה ווען עס קומט איהר צייט, דארף מען עס טוען בשלימות און מיט התעוררות אזוי ווי תפלת נעילה יום כפור.

**אמאל** ווען ער איז געווען ביי סאטמארער רב און בעל הארבער, איז ער דערנאך אריין צו די רביצין איהר מחזק זיין אויף דעם געזונט צושטאנד פונם רבי'ן, פלוצלינג זאגט דער משב"ק ר' עזריאל ע"ה פאר ר' יונה, זאלסט וויסן אז די רעבעצין פאסט היינט פארן רעבינ'ס געזונט, דאס איז שוין געווען פארנאכט, האט ר' יונה געזאגט פאר די רעביצין, איהר זאלט וויסן אז אויב וועט איהר יעצט גיין עסן און טרינקן, וועט דאס זיין לרפואה פארן רבי'ן, און זי האט נישט געוואלט ברעכן איהר פאסט, האט איר ר' יונה געזאגט איך גיי נישט ארויס פון דא ביז איר וועט עסן, צום סוף האט זי זיך געזעצט עסן, האט ר' יונה איר געזאגט איך בין זיכער אז דער רבי וועט האבן א רפואה שלימה.

**אמאל** אין די יארצייט פון רבין, פאר ער איז ארויף אויפן ציון, איז ער געגאנגען צו די רעבצין ע"ה איר מחזק זיין, און די רעבצין האט אים געבעטן אז ווען ער גייט ארויף צום ציון פון איר מאן זאל ער מתפלל זיין אויך פאר איר און מזכיר געווען איר נאמען.

## עם צדיקי עולם

**אויף** משה רבינו שטייט אז ער איז געווען "מחציו ולמעלה אלקים ומחציו ולמטה אדם", אויף רבי יונה קען מען זאגן, אז מחציו ולמטה איז ער נישט געווען קיין מענטש ווייל ער איז דאך געווען געלעהמט אויף און האט נישט געקענט טוען גארנישט מיט דעם אונטערשטן חלק פון גוף, אבער מחציו ולמעלה איז ער געווען א שטארקער סאלדאט, כאטש זיין פיזישן שוואכקייט איז ער געווען א איש מלחמה, לוחם געווען מלחמת ה' און מקנא געווען קנאת ה' צבקות.

**און** פארלויף פון די יארן האבן מערערע צדיקים זיך באקענט מיט רבי יונה און שטארק גישעצט און געזעהן און איהם דעם 'איש האשכולות' וואס זיין גאנצער לעבן איז געווידמעד צו פארשפרייטן תורה ויראת שמים בלתי לה' לבדו.

**הגה"ק** רבי מנחם מענדל מסטראפקוב זצ"ל, וועלכער איז געווען באקאנט אל א איש קדוש ופועל ישועות, באטיטלט איהם און א בריעף "הרב החריף ובקי בכל חדרי תורה וביראה טהורה החסיד..." אמאל יום כיפור ביינאכט האט רבי יונה געדאוונט אין בית מדרשו פון הרה"ק מסטראפקוב און וויליאמסבורג, ער איז דארט פארבליבן א גאנצע נאכט, פארטאגס איז געקומען א שליח און איהם געזאגט אז הרה"ק פארבעט איהם אריין צו קומען צו איהם, און אזוי האט ער איהם געזאגט: "איך וויל אייך עפעס זאגן, איך האב אייך זייער ליב און וויל אייך בענטשן, און ווען ער האט ארויף געלייגט זיינע הייליגע הענט אויף זיין קאפ, האט ער איהם געבענטש.

**הגה"צ** רבי חמ"ד וויסמאנדל זצ"ל האט פארציילט אז ער האט אמאל געהערט ווי דער סטפראקוב רב זצ"ל האט גערעדט צו זיך אליינס אינמיטן ליינען קוויטלעך, און געזאגט "ווי קען איך נעמען קוויטלעך, יונה פארסט איז גרעסער פון מיר ער קען נעמען".

**אמאל** ווען הרה"ק מריבניץ זצ"ל איז געווען און סיגעיט, און ער איז געפארן אהין איהם באזוכן, האט ער געווארט אינדרויסן פון צימער אריינצוגיין, אינדערמיט איז הרה"ק ארויס פון זיין צימער און באמערקט רבי יונה זיצט און ווארט, איז ער איהם אקעגן געלאפין און זיך גיווארפן ממש צו די ערד בעטענדיג מחילה פארוואס ער האט געדארפט ווארטן אויף איהם.

**ווען** הגאון רבי אהרן קאטלער זצ"ל האט איהם אמאל געזעהן אויף א חתונה, האט ער געזאגט מיט גרויס התפעלות, "איך וואלט געוואלט קענען דעם איד מער פון די נאנט". אבער ס'איז נישט צושטאנד געקומען ווייל נאנט דערנאך איז רבי אהרן נסתלק געווארן לחיי עולם.

**אויך** איז ער געווען געבונדן מיט א נאנטן ידידות מיט כ"ק אדמו"ר בעל ברך משה מסאטמאר זצ"ל וואס האט איהם גאר שטארק געשעצט, און האט איהם אויך מספיד געווען מיט טיפן טרויער, אויסדיקנדיג זייער שטארק זיינע שבחים, צווישן זיינע ווערטער האט ער געזאגט, אז כאטש רבי יונה האט נישט געקענט גיין מיט זיינע פיס, פון דעסטוועגן האט ער געהאט א ווייטן בליק, מיינענדיג ארויס צוברענגען זיין כח ההבחנה, אז ער איז געווען א חכם הרואה את הנולד.

## מחנך בחסד עליון

**רבי** יונה האט געטראגן די זארג פון אלע תלמידים פון ישיבה און אלע אנ"ש ברוחניות ובגשמיות, זיינע לויטערע אויגן האבן אלעס געזען, ווען ער איז אריינגעקומען און היכל הישיבה הק', האט ער מיט איין בליק איינגעאטעמט דעם איינגארטיגן מצב פון יעדן איינעם, ווען ער האט זיך ארום געדרייט אין ישיבה האט ער געווארפן ווערטער דא אין

דארט, דעם האט ער מחזק גיוועהן מיט ליבשאפט און דעם צווייטן האט ער אויסגעמוסרט מיט שטארקע ווערטער לויט זיין צושטאנד, בתוכחה מגולה ואהבה מוסתרת, ס'איז געווען דברים היוצאים מן הלב נכנסים ללב פון די צוהערער, זיי האבן איבער געלאזט א גרויסן און שטארקער רושם.

**אזוי** אויך ביי די שמועסן, האט ער גערעדט פאסיגע געדאנקען ובעיקר אז מ'זאל נישט נאך געשלעפט ווערן נאך די גאס, פון עמא ריקא (אמעריקא). זיין יראת שמים און ריינע אמונה איז גיוועהן בלתי לה' לבדו, און דאס האט איינגעקריצט זיין סטעמפל אויף אלעמען, מקבל זיין אויף זיך דעם עול תורה ומצות, עול מלכות שמים, ללמוד וללמד לשמור ולעשות ולקיים את כל דברי התורה.

**אזוי** אויך ביי זיינע דרשות און מוסר שמועסן, וואס א טייל פון זיי זענען געדריקט און דעם ספר, ווי נעמט מען דעם שפראך און ריכטיגע ווערטער ארויסברענגען אלעס, יעדעס ווארט וואס איז ארויס פון זיין מויל, איז גיוועהן געמאסטן, זיינע געדאנקען זענען גיווען טיף זיניגע, און פון דעסטוועגן האט ער מצליח געווען דאס קלאר מאכן אפילו פאר די פשוט'סטע אידן, אלע האבן געטראפין ביי איהם וואס האט אהנבאלאנגט צו איהם, פארדעם זענען זיינע ווערטער געהערט און אהנגענומען געווארן אויך ווען ער האט גארנישט פארהוילן, און געמוסרט אויף יעדע זאך וואס מ'דארף פארעכטן, און פון דעסטוועגן זענען אלע געווען זיינע גוטע פריינד און געקניפט און געבונדן מיט אים מיטן גאנצען הארץ, און גרייט געוועהן צו הערן פון איהם און אויספירן אלעס וואס ער האט געזאגט.

**ווי** א געניטער מחנך וואס ווייסט זיך אהער צושטעלן לויט די באדערפעניש פון די תלמידים, האט מען דאס געזעהן עטליכע מאהל, ווען ער איז געקומען און ישיבה, און האט נאך נישט געטראכט צו רעדן פאר די תלמידים, פון דעסטוועגן אז ער האט געזעהן אז ס'פאדערט זיך יעצט צו רעדן, האט ער זיך געשטעלט אהן צו צוגרייטן רעדן, אויף זיין אייגנארטיגן אויפן, אהנהייבנדיג מיט א שיינעם פלפול און די סוגיא וואס מ'האט געלערנט און ישיבה, פון דארט איז ער אריבער אויף אגדה, מיט זיסע דברי תורה און פייערדיגע דברי מוסר וואס האט זיך געפאדערט און יענע צייט, זיך רייניגן דאס הארץ און אויסגלייכן די געדאנקען צו טוען דעם רצון השם.

**אמאל** האט ער געזאגט, וואס איז די הבדל צווישן דעם חינוך הבנים פון אמאל און פון היינט, אמאל האט יעדער קינד געוואוסט אז זיין טאטע בעט פאר איהם מיט תפלה ער זאל אויסוואקסן א ערליכער איד, און זיין מאמע פארגיסט טרערן ביי לעכט צינדן אז אירע קינדער זאלן גיין בדרך התורה והיראה, און דאס איז זייער גאנצער שטרעבן, היינט וויסן די קינדער האבן די עלטערן מערערע זארגן און איינע פון זיי איז אויך אז די קינדער זאלן גיין אויפן תורה'דיגן וועג.

**און** צוזאמענהאנג מיט דעם האט ער דערציילט א שרעקליכע מעשה און די מלחמה יאהרן, ווען מ'האט אוועק געפירט די עלטערן מיט די באן, און האבען געזאגט פאר די קינדער אז זיי גייען נאר אויף א פאר טאג און דערנאך קומען זיי צוריק, האט מען אויסגישטעלט די קינדער און א שורה, און די קינדער האבען זיך געזעגנט מיט זיי, האט מען דארט געזען א קליין קינד לויפן צו זיין מאמע, און גיט איהר איבער א קליין פעקעלע, מענטשן וועלכע האבן דאס געזעהן, האבין געמיינט מן הסתם איז דאס א קלוג קינד וואס האט געגעבן פאר זיין מאמע א סוועדער, ווייל זי פארט דאך און אפשר וועט זיין קאלט, אבער נישט דאס איז עס געוועהן, איך וועל ענק זאגן וואס דאס איז געוועהן, דאס קינד האט אריינגעלייגט צוויי לעכט, אז זיין מאמע זאל קענען צינדען לעכט ערב שבת, ווייל ער האט געוואוסט אז זי פארט דאך אויף א פאר טאג און וועט נישט זיין און דערהיים שבת, און וויבאלד זי גיסט טרערן פאר מיר ביי לעכט צינדן איך זאל זיין א ערליכער יוד, פארדעם בין איך נישט מוותר אויף איהרע לעכט צינדן, און ר' יונה פלעג ענדיגן זאגנדיג, אזוי איז געוועהן דער חינוך און די פריערדיגע דורות.

**אמאל** אין ישיבה האט ר' יונה געשיקט רופן א בחור זאל קומען גלייך צו זיין צימער, ווען דער בחור איז געקומען האט ער געזעהן אז ס'שטייט שוין דארט א בחור, ר' יונה האט באפוילן דעם צווייטן בחור, גיי צום שלאף צימער פון דעם בחור, און ברענג מיר אלע זיינע חפצים, פארשטייט זיך אז ער האט אויסגעפירט אלעס און געברענגט אלע חפצים וואס ס'איז דארט געוועהן צווישן זיי געלט און סטעמפס וכו', צווישן די זאכן איז געוועהן א צעטל, וואס דארט איז געשטאנען איך האב געגאנבעט פון דעם בחור אזויפיל געלט און פון יענעם בחור אזויפיל געלט, און פון דעם בחור סטעמפס וכו', זעהט אויס אז דער בחור איז געוועהן א "ערליכער גנב" און געטראכט אז מיט די צייט וועט ער באצאלן די אלע גניבות, ווען ר' יונה האט דאס געזעהן האט ער געגעבן א פאטש פאר דעם בחור דעם גנב, און איהם געזאגט "זאלסט מער נישט גנב'נען" דערנאך האט ער איהם געגעבן א מוסר דרשה אויף די הארבקייט פון די עבירה פון גזל.

**אבער** די מעשה האט זיך נישט געענדיגט מיט דעם, דער בחור איז געוועהן א יתום, פארדעם האט ער נישט געהאט קיין געלט צו קויפן אזוי ווי אנדערע בחורים, פארדעם איז ער אנגעקומען צו גניבה, אבער נאך אפאר יאהר האט דער בחור פארציילט, אז דורך אויס אפאר יאהר נאך די מעשה, פלעג ר' יונה יעדן ערב שבת קודש אים געבן צוואנציג דאלער ער זאל האבין אין קעשענע, וואס דאס איז געוועהן א שיינער סכום און יענע טעג, ער זאל זיך קענען קויפן וואס ער דארף, און קיינער האט פון דעם נישט געוואוסט.

**דערציילט** איינע פון זיינע תלמידים הרה"ח ר' שמואל דוד גאנץ שליט"א, אמאל און א ווינטער נאכט, בערך צען דרייסיג ביינאכט, איז רבי יונה געזעצן און קארידאר פון די אריינגאנג צום בית המדרש, איך בין געוועהן אביסל פארקילט, בין איך ארויס פון בית המדרש צום קארידאר, ארויף צו גיין צו מיין צימער, פאר די טרעפ האב איך זיך אויסגעדרייט און געזאגט פאר רבי יונה "א גוטע נאכט" האט ער מיך געפרעגט די גייסט שוין, האב איך אים געזאגט אז איך פיל זיך נישט אזוי גוט, און איך גיי שלאפן, האט ער געענטפערט, אויב אזוי וועל איך דיר מאכן א גלעזל טיי, א ציטער האט מיך געכאפט, וואס? רבי יונה וועט מיר מאכן א גלעזל טיי?, איך האב אנגעהויבן לויפן אויף די טרעפ צו מיין צימער, פלוצלינג הער איך רבי יונה'ס קול "שמואל דוד!" איך האב זיך אויסגעדרייט און ער ווייזט מיר איך זאל צוריק קומען, ער קוקט מיך אהן מיט א שמייכל און זאגט "הער צו מיין קינד, ווען איך וואלט געדארפט א טיי, וואלסטו מיר עס געמאכט?" האב איך געענטפערט אוודאי, האט ער ממשיך געוועהן און געזאגט "וויסן זאלסטו, מען קען נישט זיין קיין געבער אויב מען איז נישט אמאל א נעמער", איך האב זיך געשטארקט און מיט הכנעה בין איך געגאנגען מיט אים צו זיין צימער, אבער א תנאי האב איך געמאכט מיט איהם, אז איך וועל אליין מאכן די טיי, און ער האט מסכים געווען, דאס איז געווען איינע פון די זאכן ער האט מיך געלערנט און די מעשה וועל איך קיינמאל נישט פארגעסן.

**אמאל** און סדר נאכט אז ער האט געפירט דעם סדר ביז פיר פארטאגס, איך בין דערנאך געגאנגען שלאפן, פלוצלינג זעקס דרייסיג אינדערפרי, האט ער מיך אויפגעוועקט און גערופן, איך האב זיך דערשראקן און געפרעגט וואס איז געשעהן, האט ער מיר געזאגט גיי ארויף צום שכן ר' חזקיהו דייטש שליט"א ער זאל שנעל קומען ווייל איך שפיר ווייטאגן ביים הארץ, אזוי האב איך געטוען, איך האב איהם געפרעגט וויפיל צייט שפירט ער שוין די ווייטאג, האט ער מיר געזאגט אז גלייך נאכן סדר, נאר איך האב נישט געוואלט דיך אויפוועקן ביז איך האב געשפירט אז איך קען שוין נישט ווארטן.

## איש על העדה

**די** חתונה פון רבי יונה זצ"ל איז פארגעקומען אין די נייטרא ישיבה, אלע בחורים האבן זיך געפילט ווי איין גרויסע משפחה, און מיט גרויס איבער געגעבנקייט געטוען אלעס אז די שמחה זאל זיין א גאנצע, וויבאלד רבי יונה איז געוועהן געבונדן צום רעדער בענקל, האט מען געדארפט ארבעטן מיט איהם ער זאל קענען גיין צו די חופה בדרך כבוד, אפאר בחורים האבין צוגעגרייט שטעקנען מיט אנדערע מיטלן אזוי אז ביי זיין חופה האט מען איהם אונטער געפירט אויף זיינע פיס, נאך די חתונה האט מען אים אהיים געפירט און שטוב אויף א הערליכן שטיל מיט געזאנג און טענץ.

**זייט** רבי יונה האט חתונה געהאט און אויפגעשטעלט זיין אייגענע שטוב מיט די רעביצין ע"ה, איז זיין שטוב פארוואנדלד געווארן און א הויפט קוואטיר פאר אלעמן, יעדער האט דא געטראפן וואס ער האט געדארפט, ווער טרייסט ווערטער, און ווער שטיצע, און ווער א עצה טובה, ער האט ברייט צועפנט זיינע באהאלטענע אוצרות פון די טיפעניש פון זיין הארץ, געבנדיג הילף שטיצע חיזוק און הדרכה פאר יעדן נויטבאדערפטיגער קליין און גרויס.

**דאס** איז געוועהן א אויסטערלישע חידוש, ווייל רבי יונה אליין איז געוועהן א צובראכענער מענטש, סיי צוליב זיין לעבענסלאנגע קרענק אויף זיינע פיס, סיי ווייל ער האט נישט זוכה געוועהן האבן אייגענע קינדער, און סיי וואס ס'איז אריבער אויף איהם און די מלחמה יארן, און נאך, וואס יעדעס איינע פאר זיך איז גענוג צוציברעכן דעם שטערקסטן כאראקטער. אבער נישט רבי יונה, ער איז געוועהן א לעבעדיגער מוסטער אויף צופרידן קייט און שמחת החיים.

**זיינע** אויערן זענען געוועהן אפען פאר אלע צובראכענע און פארביטערטע מענשטן, וועלכע האבן זיך אויסגעגאסן דאס הארץ פאר איהם, און רבי יונה, מיט זיין רייכן און קלארער שפראך האט זיי געשטארקט אויף א אויסערגעווענליכע אופן, ספעציעל איז ער געווען באוואוסט אלס איינער וואס קען שלום מאכן צווישן מענטשען און צווישן מאן און פרוי, און דער אויבערשטער האט איהם באגליקט מיט א עקסטערע סייעתא דשמיא אויסצוגלייכן אלע פראבלעמן און אריינפירן שלום צווישן זיי.

**רוב** טאג איז ער געווען פארנומען מיט אנדערע ביז ס'איז אים נישט געבליבן פאר זיך גארנישט, ער האט זיך אריינגעלייגט און גאנצען צו העלפן אידישע קינדער אויף אלע וועגן וואס ער האט נאר געקענט, א דוגמא צו דעם, ווען רבי יונה האט זיך דערוויסט פון א עקסידנט ר"ל, ווי דער טאטע פון די משפחה איז שווער פארוואנדעט געווארן, האט ער זיך פאר אינטערעסירט פון ווי וועט די משפחה דערוויל האבן צום לעבן, דאס איז געווען זיין הויפט זארג.

**ביי** אים איז מקוים געווארן וואס חז"ל זאגן "לא שׂשרות אני נותן לכם אלא עבדות", ווייל רבי יונה איז געוועהן דער מוסטער פון קנעטשאפט.. א קנעכט פארן אויבערשטן, און א קנעכט פאר אידישע קינדער, ער איז צוגעשטאנען מיט זיינע בעסטע כוחות צו די רעכטע האנט פון מוסדות תורה און חסד, צווישן זיי דער הייליגער מוסד "יד לאחים" וואס צענדליגע יארן איז ער געשטאנען און שפיץ פון דעם מוסד. און ער האט מכריע געוועהן און זייערע החלטות, און אויפגעפאדערט מענטשן אויף זייער שטיצע פאר זיי.

## זקן ויושב בישיבה

**"דאס** בייגעלייגטע סכום פינף און צוואנציג דאלער האב איך איבערגעבען פאר די ישיבה אופן חשבון פון שכר שדכנות, ווי באוואוסט פאר הדר"ג, איך ווייס אז אייער כוונה איז געווען איך זאל נעמען פאר זיך, אבער ב"ה איך דארף עס נישט..." דאכט זיך אז צו די ווערטער דארף מען גארנישט צו לייגן, זיי זענען קלאר ווי די זון, רבי יונה נעמט זיך שטענדיג ארויס פון בילד, אלע זיינע געדאנקען זענען הייליג נאר פאר די ישיבה, זיין זארג פאר איהר דאס איינציגע וואס שטייט פאר זיינע אויגן.

אויסער דעם וואס דאס מערסטע פון זיין צייט האט ער פארברענגט צווישן די ווענט פון ישיבה, און צוזאמען מיט הגה"צ מנייטרא שליט"א און די איינגעשטעלטע האט ער

געארבעט אהן מידיקייט אויפצוהייבן דעם שטאנד פון די ישיבה, אהערצושטעלן פאסיגע תלמידים וואס דער אויבערשטער האט איהם באגליקט זיין וועג, האט ער מחנך געווען א גאנצער דור פון הונדערטער און טויזענטער תלמידים וואס זענען געווארן צוגעבינדן און נאכגעצויגן נאך איהם מיט א שטארקער בונד ביזן היינטיגן טאג.

**שרייבט** איינער פון די אויסדערוועלטע תלמידים הרה"ג מו"ה אברהם חיים שפיצער (שליט"א) [זצ"ל]: "איך בין אנגעקומען און ישיבה אסרו חג פסח תש"ז... און נאך איידער איך האב געזעהן מיין רב'ין מו"ה חיים מיכאל דוב זצ"ל, האב איך אנגעטראפן רבי יונה, נאר זיין 'שלום עליכם' אליין האט מיך שוין באנומען, ס'האט מיך אהנגעפילט מיט אינטערטעניגקייט און יראת הכבוד וועלכע איז פארבליבן ביז זיין לעצטן טאג... ס'איז א וואונדער, ווייל יעדער איינער האט זיך אינטער גיבויגן פאר איהם מיט דעם גרעסטן רעספעקט, און פון דעסטוועגן האט קיינער פון אונז זיך נישט אפגעהאלטן פון צו עפענען די טיפענישן און באהלטעניש פון אונזער הארץ פאר איהם, אפילו נאך דעם וואס מיר האבן חתונה געהאט און אוועק געשטעלט אייגענע שטובער, און שוין געהאט ב"ה דורות, אויף דעם קענען עדות זאגן אלע תלמידי הישיבה, און די גאנצע תקופה וואס ער האט געלעבט און געטראגן איהר לאסט".

**ענדליך** שרייבט אויך זיין תלמיד הגאון אבד"ק "עדת יראים" רבי אשר אנשיל כ"ץ שליט"א, "אז אהן קיין ווערטער און אהן קיין קול האט ער ארויסגערופן רעספעקט און זיין גאנצער געשטעל האט באיינפלוסט מיט יראת ה' פאר אלע אהנוועזענדע".

**אזעלכע** און עהנדליך צו דעם זענען די געפילן פון אלע תלמידים פון ישיבה וועלכע האבן געזעהן און איהם דעם "ראש הישיבה" און אלע היניזיכטן, אלע האבן איהם געשעצט און געליבט, דאס איז וואונדעליך.

**נישט** נאר ביי די תלמידים איז ער געווען געשעצט, נאר אויך אלע איינגעשטעלטע און מגידי שיעורים וועלכע זענען אליין געווען גדולי ישראל האבן זיך אונטערגעווארפען פאר איהם מיט א געוואלדיגע שעצונג, ס'איז באוואוסט אז אמאל האט הגאון האדיר רבי יעקב הארענשטיין זצ"ל, - וועלכער איז אויך געשטאנען און זיין הייליגן אמט און ישיבה – האט זיך אויסגעדריקט מיט מורא'דיגע ווערטער: "אז אויב וואלט רבי יונה געדארפט אדורך גיין דעם טייך, וואלט ער אליינס זיך איינגעבויגן צו זיין דער בריק אויף וואס רבי יונה זאל קענען אריבער גיין".

**רוב** יארן איז דינסטאג און ערב שבת קודש געווען די טעג און וועלכע ער האט איבערגעגעבען זיינע מוסר שמועסן פאר די תלמידי הישיבה, ס'איז כדאי אפאר ווערטער שרייבן אויף דעם. זייענדיג א הויעכפונקט פיל מיט געפילען. רבי יונה איז געווען א פה מפיק מרגליות, און ווי א פאכמאן געוואוסט ווי אזוי צו וועבן א ענין מיט א ענין, אנהייבנדיג מיט א ווארט פון די פרשה אדער די סוגי' וואס מ'האט געלערנט און ישיבה, פון דארט איז ער אריבער צו דברי אגדה מיט מוסר, וואס האט געצויגן דאס הארץ, זיינע פערל ווערטער האבן פארכאפט אלעמען, פארבינדנדיג זיינע ווערטער מיט מעשיות און אנעקדוטן פון זיין גרויסן רב'ין און פון הגרחמ"ד, ווען יעדעס מאהל ער האט דערמאנט זייער נאמען מיט פארכט, פלעגן טרערן רינען פון זיינע אויגן מיט בענקעניש אויף די פארגאנגענע טעג.

## פעלים לתורה

**ס'איז** אומעגליך צו באשרייבן מיט ווערטער די פילע טעטיקייטן פון רבי יונה להגדיל תורה ולהאדירה, און פארברייטערן די גבולי הקדושה פון די נייטרא ישיבה, וואס ער איז געוועהן איגאנצן איבער געגעבן פאר איהר, כאטש זיין געזונט צושטאנד האט ער זיך נישט אפגעהאלטן פון אנקלאפן און די טירן פון די נדיבים, איינמאנען ביי זיי זייער צושטייער פאר החזקת התורה.

**אלס** אנדענק וועלן מיר פארציילן, אז ביי דעם חנוכת הבית פון די נייע בנינים וועלכע זענען געבויט געווארן דורך דעם נגיד הנדיב החסיד הבלתי נשכח רבי ישראל זופניק ז"ל, האט רבי ישראל ז"ל דערמאנט צווישן זיינע ווערטער אז ער וויל מגלה זיין א סוד, אז זיין התעוררות אויפצושטעלן די בנינים, איז צום פארדאנקן אלס פאר רבי יונה, ווען נישט פאר רבי יונה וואלט דער בנין נישט געשטאנען, ווייל ער איז עס געוועהן דער וואס האט איהם געמאנט אויפצושטעלן דעם בנין.

**צומאל** ווען ער האט נישט געקענט אליין גיין איבער די הייזער, פלעג ער דאס מאכן דורך בריוו וואס ער האט געשריבן, ער פלעגט ארויסברענגן אויפן פאפיר זיינע געפילן אוועקצושטעלן דאס אויפהאלט און זעבשטאנד פון די מוסדות.

**פאר** אונז ליגט א בריוו וואס ער האט געשריבן פאר א געוויסן נדבן, ווי ער בעהט איהם ארויסהעלפן פאר הגה"צ מנייטרא שליט"א וועלכער וואנדערט ארויס און די ווייטענס: " די ישיבה וועלכע איז ב"ה באוואוסט געווארן און די תורה וועלט מיט איהר גוטן נאמען, שטייט יעצט פאר א אחריות'דיגע טריט... און אויב וועלן מיר דאס נישט טוען, שטייט דער עתיד פון די ישיבה וואס און איהר האט געארבעט מרן ר"ח מיכאל דוב זצ"ל מיט שווייס און מיט זיינע לעצטע כוחות ממש און געפאר".

**אין** נאך א בריוו פול מיט תוכחה צו איינע פון די עשירים אויף זיין נישט איידעלער אויפירונג קעגן די עסקנים בצרכי צבור: "כבוד הנגיד המפורסם במעשיו הכבירים... איך דארף ארויסברענגען מיין ווייטאג קעגן כ"מ, אויפן וועג וואס איהר פירט זיך מיט די עוסקי בצרכי צבור, וואס קלאפן אהן און אייער טיר פאר די מוסדות התורה, איך בעט אייך זייער מיינע ווערטער זאלן אנגענומען ווערן ווי תוכחה מגולה באהבה מסותרת, און איהר זאלט קלאר וויסן אז מיינע שורות זענען נישט געבונדן מיט געלט צוועקן. יעדער מענטש וועלכער דער אויבערשטער האט איהם געשאנקן געלט און פראפערטיעס האט דאס רעכט צו טיילן צדקה לויט זיין ווילן על דעת המקום, אבער אויפהייבן דעם קול און פארשעהמן די וואס גייען נאך געלט און פארמיידן זיי פון איהם טרעפן האט קיין שום מענטש נישט קיין רשות, אפילו אויב זיין רייכטום ציילט און די צענדליגע טויזענטער, איך דארף אייך דאס לאזן וויסן אז דאס איז נישט קיין פאסיגער וועג פאר א מענטש ווי איהר, אדער אייער גלייכן, איך רעכן עס פאר א הארבע עבירה וואס רירט אהן צו הלבנת פנים און נאך מער פון דעם.. אזוי און ענדליכס האב איך געפילט נאך דעם אומגעלונגענע באזוך מיט אייך, איך וויל זאגן מיטן גאנצן כח דעם פסוק הוכח תוכיח את עמיתך, קערט אייך אפ פון דעם וועג וואס איז און קעגן שאנד פון די תורה און תלמידי חכמים.

**די** ישיבה וועלכע איך ארבעט פאר איהרט וועגן מיט פיזישע אהנשטרענגונג לשמה, וועט בעזר ה' שטיין אויך אהן אייער שטיצע כאטש איהר שווערע אומדערטרעגליכע צושטאנד, איך וועל זיך פרייען צו הערן פון אייך מיט דעם בייגעלייגטן קאנווערט אויב איהר האט אנגענומען מיינע שטראף רייד ווי עס פאסט פאר א בן תורה, וועלכער האט זיכער געלערנט ביי זיינע עלטערן זיך פירן ווי ספ'אסט פאר א ת"ח, און מיט דעם בלייב איך אייער פריינד אויב וועט איהר וועלן.

**אפאר** מאהל ווען ער איז געגאנגען נאך געלט צו די רייכע און ער האט נישט מצליח געווען ארויס נעמען פון זיי א שיינער סכום, אדער מ'האט איהם פארהאקט די טיר אהן אים אריין צו לאזן, פלעגט רבי יונה זאגן, דער איד האט נאכנישט גענוג מתפלל געווען און האט נישט געהאט די זכיה צו געבן און העלפן די ישיבה, אז ער זאל האבן א חלק און אויסהאלטן דעם היילגן מוסד, דערנאך פלעג ער זאגן, איך האב נאכנישט מתפלל געווען אז דער נגיד זאל ארויסהעלפן דעם מקום קדוש, איך דארף מתפלל זיין נאך און נאך, אז דער נגיד זאל האבן א זכיה צו דעם, ער זאל קענען העלפן מיט זיין געלט דעם מקום קדוש.

**דערציילט** א באליבטער תלמיד מוה"ר חיים ידידי' פישער שליט"א, אז ער האט געהאט א געשעפט מיט דימאנטן, אבער ער האט געקענט ארבעטן נאר מיט די גאר טייערע דימאנטן, אמאל איז דאס געשעפט געגאנגען גאר שוואך, ווייל מענטשן האבן נישט געוואלט ברענגן צו איהם זייערע דימאנטן ווייל ער האט גענומען טייער, איז ער געגאנגען זיך אפרעדן דאס הארץ פאר רבי יונה אויף זיין צושטאנד, גלייך האט רבי יונה אויפגעהויבען א טעלעפאן צו איינעם און געזאגט איך שיק צו דיר א איד, גיב איהם אלס וואס ער דארף, און איך נעם אחריות, אזוי איז געוועהן דער אינגערמאן איז אנגעקומען צו דעם איד, און ער האט איהם געגעבן א טייערן דימאנט צו ארבעטן דערויף.

**נאך** דעם האט דער איד דערציילט פאר דעם דימאנטן סוחר, באמת זאלסטו וויסן אז איך גיב נישט פאר קיין שום מענטש טייערע דימאנטן, אבער וואס דא איז גישעהן איז, ממש פאר ר' יונה האט מיך גערופן בין איך געוועהן מיט מיין בחור ביי איהם, איך האב איהם געבעטן ער זאל אננעמען מיין בחור אין ישיבה אויפן קומענדיגן זמן, ר' יונה האט מיר גענטפערט אז ער וועט בשום אופן נישט קענען איהם אננעמען ווייל ס'איז נישט פאר דעם בחור'ס טובה, איך האב געוויינט און געבעטן ביי איהם און ס'האט מיר גארנישט געהאלפן, איך בין אוועק געגאנגען פון איהם אביסל ברוגז, א קורצע צייט דערנאך האט דער טעלפאן ביי מיר און שטוב געקלונגען און ר' יונה בעט ביי מיר די בקשה, איך בין געווען געשאגט, ווי וואגט ער זיך אזוי צו טוען בעטן ביי מיר א טובה נאך דעם וואס איך בין ארויס פון איהם אזוי באפאטשט, האב איך פארשטאנען אז ער איז א איש אמת און א צדיק תמים, פארדעם האב איך באשלאסן צו טוען אזוי ווי ער האט מיך געבעטן.

וועגן זיין מדת האמת האט דערציילט הגה"צ מסאדאוונע זצ"ל און זיין הספד ביי די שלשים, אז ווען הגה"ק מסאטמאר זצ"ל האט לוחם געוועהן מלחמת ה' קעגן די ציוניסטישע פארטייען, האט מען איהם געפרעגט ווי אזוי ער האט נישט קיין מורא פון קיינעם, האט ער גענטפערט מיט א משל, אז איינער האט באקומען א שרעק אז ער וועט אראפ פאלן פון בעט ביים שלאפן, פארדעם איז ער בכלל נישט געגאנגען שלאפן, ביז איינער האט איהם געזאגט, איך וועל דיר געבן א עצה, שלאף אויף דער ערד און מער גארנישט, אזוי האט סאטמארער רב געזאגט, איך ליג שוין אויף דער ערד, מער האב איך נישט וואס מורה צו האבן, האט אויסגעפירט הגה"צ מסאדאוונע, רבותי, ר' יונה ליגט שוין לאנג אויף די ערד.

**איינע** פון די אויסטערלישע זאכן איז געוועהן, אז עקשנים און הארט נאקיגע מענשטן וועלכע זענען נישט איבערגענומען געווארן פון קיינעם און די וועלט, נישט קיין רבנים און נישט קיין בעלי בתים, האבן דאך נישט געקענט מעיז פנים זיין פאר איהם, די סיבה דערפון איז, ווייל ס'האט קיין שום מענטש אויף די וועלט נישט חושד געווען אז זיין כוונה איז נישט ריין לשם שמים אהן קיין שום פניה, און דער אמת האט זיין כח, אונטער טעניגן דעם גרעסטן עקשן און ברעכן זיין ווידערשטאנד. און יענע טעג איז כמעט נישט געווען א מענטש וואס זאל האבן און שטוב אפילו איין טעלפאן, אוודאי נישט קיין צווי, אבער ביי ר' יונה און שטוב איז יא געוועהן צווי טעלעפאנן, און אזוי האט ער גערעדט אויףביידע מיט איינמאל, אויף איינעם האט ער אויסגעהערט איינעם'ס צרות, און אויף די צווייטע האט ער געשטארקט א צווייטן, ר' שלמה זצ"ל פלעג זאגן אז אין אמת'ן האט ער אויך א דריטער טעלעפאן, די דריטע איז געווען, אז אויב האט א מענטש נישט גערופן דערציילן זיינע פראבלעמען נישט אויפן ערשטן טעלפאן און נישט אויפן צווייטן, פלעגט ער רופן צו יענעם פרעגן וואס ער מאכט.

**דערציילט** א יונגערמאן, אז נאך זיין חתונה האט ער געזוכט א ארבעט און נישט געטראפן, איז ער געגאנגען זיך אויסוויינען ביי רבי יונה, פרעגט איהם רבי יונה, האסט געזעהן דעם איד וואס איז יעצט ארויס פון דא, זאגט ער איהם יא, פרעגט ער איהם, דער איד איז א גרויסער עושר, ס'פעהלט איהם נישט קיין פרנסה, און קיין שום זאך, אבער וואס האט ער פון דאס געלט אז ער האט נישט קיין ווייב, זיינע קינדער זענען נישט געזונט רח"ל, וואלסט געוואלט זיך טוישן מיט איהם? פארשטייט זיך אז דער יונגערמאן האט מער נישט געדארפט.

**דורכאויס** צענדליגע יאהרן פלעגט רבי יונה פארן יעדן דינסטאג און ערב שבת פון בארא פארק קיין מאונט קיסקא, כאטש יעדע נסיעה איז איהם זייער שווער אנגעקומען צוליב זיין שוואכן געזונט צושטאנד, דאך האט ער נישט אויפגעגעבן פון צו פארן, יעדער שווערע זאך האט מען געברענגט פאר איהם, גורל'דיגע זאכן זענען אנגענומען געווארן לויט זיין באשלוס וועלכער איז געווען פול מיט קלוגשאפט, אזוי אויך האט ער פאר קיין שום פרייז נישט פארפעלט די וועכנטליכע צוזאמקום פון די חברי הנהלה.

## ענוה ופשטות

**אסאך** ווערט ארום דערציילט פון זיין גרויס עניוות, ער האט זיך געהאלטן פאר א גארנישט, און זיך געפירט ווי ער וואלט געווען א פשוטער איד, דאס ביסל וואס מיר ווייסן אויף איהם איז נאר פון וואס ער האט נישט געקענט באהאלטן מער, ווייל פאר זיך אליינס האט ער אינגאנצען נישט פארנומען קיין פלאץ, ער איז געוועהן ווי א ציבראכענע שארבן, אין אלע כבוד ענינים און לויב איז געווען ביי אים א געלעכטער, פארדעם וויפיל מיר האבן געשריבן, האבן מיר נאך בכלל נישט אנגערירט אפילו דעם קלענסטן טייל פון זיין גרויסער פערזענליכקייט.

**אסאך** מאל שבת הגדול אדער שבת תשובה, פלעג ער גיין הערן דרשות פון אנדערע רבנים, און ווען ער איז צוריק געקומען האט ער געזאגט זיין דרשה, און אסאך מאל האט ער נאכגעזאגט וואס ער האט געהערט נאר וואס פון די אנדערע רבנים.

**ס'איז** כדאי אנצומערקן אז דער פסוק און משלי (א) זאגט ישמע חכם ויוסיף לקח, זאגט רש"י חכם זה בעל השמועה, קען מען אפשר זאגן בדרך רמז, חכם מיט די אותיות באטרעפט איין און זיבעציג אזוי ווי דער נאמען 'יונה', און דאס איז מקוים געווארן ביי איהם, ישמע חכם, רבי יונה האט געהערט און ויוסיף לקח, ער האט געוואלט הערן מער ווי ער האט געוואלט זאגן.

## עמוד העבודה

**אז** מיר גייען פארציילן פון רבי יונה'ס עבודת הלב מיט וועלכע ער איז געוועהן אויסגעצייכנט נישט ווייניגער ווי מיט זיין עמוד התורה והחסד, איז ריכטיג אראפצוברענגען אפאר דוגמאות פון וואס הרב הצדיק ר' שלמה ע"ה האט געשריבן און די הקדמה צום סידור "תפלת יונה".

**עבודה** שבלב ביי רבי יונה איז געווען דער עבודה שבלב ממש, וואס באהאלטענהייט האט ער געדינט דעם אויבערשטן נישט לאזנדיג דעם העלישן פייער וואס איז באהאלטן און די טיפענישן פון זיין הארץ זאל ארויסרינען, ווי פאסיג זענען די ווערטער פון חכז"ל (תענית כג:), תא חזי מה בין תקיפי דארעא דישראל לחסידי דבבל, תקיפי דארעא דישראל, כגון רבי יונה וכו' אזיל וקאי בדוכתא עמיקתא וכו' וקא בדוכתא צניעא וכו' ובעי רחמי עיי"ש אז די תקיפי ארץ ישראל ומנו רבי יונה האבין געדאווענט באהאלטענהייט צווישן זיי מיט זייער באשעפער אהן מ'זאל וויסן זייער גרויסער כח און דאווענען.

**מערערע** אידן האבן זיך באראטען מיט אים און געזונט פראבלעמן און אנדערע דאגות, און רבי יונה געבנדיג זיין ענטפער פלעגט בעטן דעם נאמען פון דעם וואס דארף א ישועה, און פלעג בעטן פאר יענעם אהן ער זאל בכלל וויסן דערפון און א בחינה פון "זכין לאדם שלא בפניו".

**מ'דארף** זיך מתבונן זיין אויך און דעם חביבות וואס רבי יונה האט ארויס געוויזן צום דאווענען, דא שטייט פאר אונז א גרויסער מענטש פול מיט שווערע יסורים צענדליגע יארן נאכאנאנד, געבינדן צום בעט און רעדער בענקל בייטאג און ביינאכט, און פון דעסטוועגן שטרענגט ער זיך אהן יעדן טאג גיין און בית המדרש דאווענען בצבור טאג נאך טאג, נישט קוקנדיג אויף קיין שום שוועריקייטן וועלכע זענען געווען געבונדן מיט דעם, ער האט זיך אויך נישט באניגנט מיט זיין פון די עשרה ראשונים, נאר מקפיד גיוועהן שטענדיג צו זיין דער ערשטער!

**רבי** יונה איז געווען א נאה מקיים ונאה דורש, ער האט שטענדיג אויפגעפאדערט אויפן כבוד פון דאווענען, מ'זאל זיך צואיילן קומען פרי און בית המדרש און די צייט און א וודאי נישט שפעטיגן דעם סדר התפלה.

**און** כאטש רבי יונה האט באהאלטן אונטער א שווערן שלאס נישט ארויס וויזן דעם פלאקער און בענקעניש פון זיין הארץ, דאך זענען געוועהן געציילטע צייטן ווען זיינע געפילן זענען איבערגערינען די גרעניצן און ס'האט זיך דערקענט אויף זיין פנים וואס ס'טוט זיך און זיין רוישיגן הארץ, אזוי ווי ביי יום כפור קטן, אדער ביי כל נדרי ווען ער פלעג זיך צעוויינען מיט זודיגע טרערן, די מענטשן ארום האבן מיט וואונדער געקוקט נישט פארשטייענדיג וואס אזוינס האט שוין דער גרויסער מענטש געזונדיגט אז ער וויינט אזוי פיל, אבער זיינע נאנטע וועלכע האבן געוואוסט וויפיל צרות ישראל ער טראגט אויף זיין הארץ האבן זיך בכלל נישט געוואונדערט.

**ביי** די לוי' פון הרה"ק מסקולען זצ"ל, איז דער ציבור געשטאנען און געווארט אז די לוי' זאל ארויסגיין און ס'האט געדויערט אביסל צייט, און ווי געווענליך זענען מענטשען געשטאנען און געשמועסט סתם, אבער ער איז געזעצן פאר זיך און געווארט, ווען ער וויינט און וויינט אהן אויפהער, נאך די לוי'ה איז ער געגאנגען און בית המדרש און בארא פארק און געזאגט דארט יום כפור קטן מיט הייסע טרערן, ווייל ס'איז גיוועהן ערב ראש חודש אלול, און אויך דארט האט ער געוויינט ווי א פיצל קינד אז מ'האט געקענט מיינען אז ער איז דער גרעסטער זינדיגער אויף די וועלט, און הערשט נאכדעם האט ער געזאגט זיין באוואוסטע דרשה פון ער"ח אלול, וואס דאס איז שוין געווען נאך אזויפיל וויינען און דעם טאג.

**מיט** זיין גרויס עניוות פלעגט ער זאגן, ווען ער זאל ווען האבן צייט און נישט געווען פארנומען מיט צרכי צבור דא אין אמעריקא, וואלט ער געפארן קיין ארץ ישראל זיך לערנען דארט וויאזוי מדאווענט מיט א אמתע תמימות ווי ס'דארף צו זיין. קוקט נאר צו! פון וועם רעדט מען דא, א מענטש צובראכין ווי א שארבן, וואס יעדער תפלה נעמט פון איהם אלע פיזישע און גייסטישע כוחות, ס'איז קענטיג אז זיין דאווענען איז מיטן גאנצן הארץ און געפיל, און פון דעסטוועגן איז ער נישט צופרידן מיט זיין דאווענען, און דארף זיך נאך צו לערנען ווי אזוי מ'דאווענט, פארוואס? ווייל אזוי שטארק האט ער ליב געהאט דאס דאווענען, ער האט משתוקק גיווען לחלות ולחנן פני אדון האדונים אויף דעם גרעסטן פארנעם. הפלא ופלא!.

**ווער** ס'האט געהערט שמחת תורה ווי אזוי רבי יונה פלעג זינגען "אין כאלוקינו" איבערטאטשענדיג עס אויף אידיש "נישט דא אזא גאט ווי אונזער גאט" וועט דאס קיינמאל נישט פארגעסן, דערציילט איינער פון די תלמידים אז זיין זין וואס איז רח"ל געווען א חולה מסוכן, אינעם לעצטן טאג האט ער געבעטן זיין טאטן, אויב ער געדענקט דעם ניגון פון רבי יונה אין כאלוקינו, און פלוצלינג האט דאס קינד אנגעהויבען זינגען דעם ניגון, און מיט דעם זיך געשטארקט און זיינע לעצטע מינוטן אויף דער וועלט.

**ס'כאפט** א טרייסל צוקוקענדיג מיט וועלכע מסירות נפש ער איז געגאנגען און מקוה, סיי ווייל ער האט נישט געקענט גיין מיט די פיס, און סיי צוליב זיין פיזישע שוואכקייט, און פון דעסטוועגן האט ער זיך געשטארקט צו גיין יעדן ערב שבת און שבת אינדערפרי און מקוה, אמאל שבת שובה האט ער נישט אנגעיאגט צו גיין און מקוה אינדערפרי פארן דאווענען, האט ער נישט געוואלט זאגן די שבת שובה דרשה פאר ער גייט און מקוה, ס'האט נישט געהאלפין אלע טענות, אז די מקוה איז קאלט און ס'איז טונקל און מקוה, און מ'האט געמוזט אים טראגן טובל'ן און מקוה, ווען מ'האט דאס פארציילט פאר סקולענער רבי זצ"ל האט ער זיך אויסגעדריקט, "אנצוקוקן דעם איד קען מען נתעורר ווערן צו תשובה".

**מ'דארף** אויך זיך מתבונן זיין צו די הכנה לשבת קודש וואס ער האט געמאכט, בערך א שעה פאר שבת האט ער שוין אויסגעווארט אויפן אנקום פונם שבת, ווער קען באשרייבן זיין גיין און מקוה זיך מטהר זיין און מקוה, א זאך וואס שטייט העכער פון אונזער פארשטאנד אהן קיין גוזמא, ווער ס'האט נאר באמערקט מיט וועלכע שוועריקייטן ס'איז אים אנגעקומען די עבודה, אויב איז ער געוועהן א שטיין איז ער צוגאנגען, ס'איז נישט קיין שום ספק אז ס'האט אריינגעברענגט א הרהור תשובה פון יעדן צוזעהר, ענדליך צו דעם האט זיך דערקענט אויף זיין פנים די קדושה פון יעדן זמן, אזוי ווי ערב יום הקדוש, ווען א גאנצער טאג האט ער געטרייסלט פון פחד פונם יום הדין הגדול, אדער די קדושה פון הושענא רבא, וואס שוין פון ביינאכט האט זיך דאס אנגעזעהן, אזוי אויך פורים אין דער סדר נאכט, וויפיל טרערן האט ער פארגאסן, אויב ווילן מיר זיך פארברייטערן און יעדן זמן, וועט די צייט פאראיבער און די פארציילונג וועט זיך נישט ענדיגן.

**א** הויפט טייל און זיין עבודה פארנעמט זיין עסן און שלאפן וואס איז געווען גאר ווייניג, אזוי ווי שוין פריער פארציילט. זיינע שטוב מענטשן זאגן עדות אז צומאל פלעגט אריבער גיין א גאנצער טאג אהן אריינצונעמן עפעס און מויל. און די טעג ווען ער איז געוועהן און ישיבה און מ'האט איהם געברענגט אביסל עסן האט ער פון דעם אויך דאס מערסטע טייל איבערגעלאזט.

**רבי** יונה איז כמעט נישט געשלאפן און בעט, נאר אויף א ריקליינער, אויב איז ער געגאנגען און בעט איז דאס געווען בערך צוויי אזייגער, אויך ווען ער איז געשלאפן, איז ער נישט געשלאפן אויף צו זיין אויף מער ווי א האלבע שעה, אזוי ווי "שינת הסוס" ווי סשטייט און די גמרא (סוכה כו:), אפאר מאהל איז געווען אז ארום דריי אזייגער האט ער גערופן ב"ח און געבעטן טרינקען און מאכן א ברכת שהכל, ער האט געזאגט אז אפשר וועט דאס אים העלפן שלאפן. אויך האט ער מקפיד געווען ס'זאל נישט נעכטיגן מיט אים קיין געלט און קעשענע, אויב האט ער געהאט עפעס געלט ביי זיך, נישט קיין חילוק צו צען אדער הונדערט דאלער, פלעג ער רופן ב"ח און זאגן "לייג עס אוועק פאר דיר".

**אז** ס'האט איינער געוואלט שמועסן מיט אים א לענגערע שמועס, פלעג רבי יונה אים פארבעטן צו קומען נאך חצות ביינאכט, ווען מענטשן פלעגן שוין נישט קומען, און דעמאלס האט ער געקענט זיך אינגאנצן איבער געבן פאר יענעם אהן צו נעמען און באטראכט זיין באדערפעניש אויך צו שלאפן, יעדער וואס האט נאר איבער געטראטן זיין שוועל זיך דורך שמועסן האט גוט געוואוסט מיט וואס פאר א מתינות האט רבי יונה געשמועסט מיט איהם מיט א פרייליך פנים.

## גמילות חסדים בגופו ובממונו

**ווי** שוין באטוינט פריער האט רבי יונה אוועק געשטעלט זיין לעבן אויף די דריי זוילן, תורה, עבודה גמילות חסדים, און אלע דריי זענען געווען געקניפט און געבונדן איינער מיט דעם אנדערן, און אלעס איז געווען באהאלטענערהייט אז קיינער האט נישט געוואוסט פון זיינע טעטיקייטן, ס׳איז געוועהן יאהרן ווען פאר פסח פלעגט רבי יונה איינמאהנן ביי זיינע נאנטע און באקאנטע אויף די פסח באדערפענישן, און עס פארטיילן פאר ארימע לייט און אלמונות און יתומים, ער פלעג אויך אפצאלן חובות פון פארצייטישע מענטשען, צווישן זיינע זאכן וואס זענען געבליבן נאך זיין פטירה האט מען געטראפין צעטלעך און פאפירן מיט א רשימה פון חובות פון מענטשן, און דאס איז כאטש ער האט נישט נהנה געוועהן פון די ישיבה געלט און נישט גענומען קיין געהאלט.

**רבי** יונה פלעג באצאלן געלט פאר בני תורה אז זיי זאלען צו לערנען מיט בחורים וועלכע האבן דאס געדארפט אהן דעם וואס די בחורים זאלן וויסן אדער שפירן אז זייער חברותא באקומט געלט פארן לערנען מיט זיי.

**רבי** יונה האט קיינמאל נישט גענומען קיין קרעדיט אויף זיינע טעטיקייטן, זיין ענוה האט געשיינט ווי א בריליאנט אינעם קרוין פון זיינע גאלדענע מדות, ווי מער ער האט געהאלפן פאר אנדערע אזוי ווי חז״ל זאגן אויף דעם וואס לערנט תורה לשמה ״אני עצה לי גבורה״ אזוי האט זיך רבי יונה קליין געהאלטן, אז ס׳איז געקומען א מענטש זיך איבער שמועסן און געשעפטליכע ענינים, האט יענער בכלל נישט געשפירט אז ער שטייט דא פאר א אדם גדול, ווייל מיט זיין גרויס חכמה האט רבי יונה געוואוסט ווי אזוי צו פארשטעלן זיין אמתער גישטעל.

## בכבוד הזולת

אויף ווי ווייט רבי יונה איז גיוועהן וואכזאם צו א אנדערנס כבוד, קען מען לערנען פון פאלגענדין מעשה: יעדן שבת פלעג רבי יונה זאגן א דרשה פאר קריאת התורה און זיין בית המדרש און בארא פארק מיט מוסר און תוכחה בערך צען מינוט, הרה״צ רבי שלמה ע״ה פלעג איהם צוגרייטן דעם ספר פון וועלכן ער האט פארגעלערנט ברבים, אמאל איז געשעהן אז רבי יונה האט געבעטן מ׳זאל איהם לייגן א חומש מיט דעם פירוש הרמב״ן, אבער ביי די דרשה האט ער בכלל נישט ארייננעקוקט אינעם ספר, נאר ער האט גערעדט און א אנדער ענין אינגאנצען, ס׳איז געוועהן זייער וואונדערליך, ווען מ׳האט איהם אהיים געפירט נאכ׳ן דאווענען, האט מען איהם געפרעגט וואס דא איז געוועהן, האט ער געענטפערט אז ער האט באמערקט אינמיטן דאווענען איינער וואס איז געקומען און בית המדרש, וואס ער האט געוואוסט אז יענער איז א צובראכענער מענטש און ער האט געטראכט ביי זיך אז אויב וועט ער לערנען דעם ענין וואס ער האט זיך צוגעגרייט, קען אפשר יענער ווערן געטשעפט, פארדעם האט ער פארפירט דעם ענין, צוליינגדיג אז דער תכלית פון לערנען מוסר איז נישט ווי׳ צו טוען און טשעפן א צווייטנס כבוד, אדרבה, מיט ווייכע ווערטער דארף מען אויסבעסערן אנדערע. מ׳דארף זיך פון דעם אפלערנען.

**פארדעם** איז נישט קיין וואונדער אז ווען זיין חשובע רעביצין ע״ה איז נאך זייער חתונה געגאנגען נעמען א ברכה פון הגאון רבי יונתן שטייף זצ״ל, האט ער איהר געענטפערט אז וויבאלד זי האט רבי יונה אליינס, דארף זי מער נישט קיין ברכה, ווייל ער אליינס איז די ברכה.

## נועם בחסד עליון

רבי יונה איז געווען א פה מפיק מרגליות, וואס יעדע ווארט וואס איז ארויס פון זיין מויל איז געווען געוואויגן און געמאסטן, יעדער געדאנק איז געווען טיף און טרעפליך, מיט זיינע דרשות איז ער אנגעקומען ביז און די טיפסטע טיפענישן, וויסנדיג ווי צוצוטרעפען צו יעדן צוהערער, פון די גאוני גאונים ביז די פשוט׳סטע מענטשען, ווייל זיין מדת האמת איז געווען זיין וועג ווייזער, ספעציעל איז ער געווען באקאנט מיט די לעבן שטייגער פון די פריערדיגע צדיקים, און מיט א ספעציעלן זיסקייט פארציילט וועגן זיי, ביז ער איז געווען א קוואל פון זייערע תורה און מעשים.

## השקפתו על השואה

ר׳ יונה פלעג זייער אפט דערמאנען און דערציילן און זיינע דרשות די איבערלעבענישן פון דעם גרויסן און גרויזאמער חורבן פון כלל ישראל און זיין דור, און מיט זיינע ווערטער פלעגט ער אריינברענגן א הרהור, ווען ער האט געוועקט און געמאנט אויפן מצב פון דור, ווען ער דעם מצב קעגן דעם מצב וואס איז געווען אין די חורבן יאהרן.

**ער** פלעג זאגן, רבותי, ווען מ׳קומט זאגן יזכור היינט, ב״ה איז דער מצב אנדערש געווארן, ווייל און די ערשטע יאהרן ווען ס׳איז געקומען צו יזכור איז דער גאנצער ציבור געבליבן און בית המדרש, ווייל ווער האט געהאט לעבעדיגע עלטערן, אבער היינט ב״ה איז שוין אויף געוואקסן א דור וואס האבן טאטעס מיט מאמעס, ס׳איז שוין אויך דא זיידע׳ס און באבע׳ס.

**ער** פלעג זאגן, איך בעט ענק גלייבטס מיר, איך האב געזען ישיבה בחורים, און בתי מדרשים, איך האב אויך געזען זייער חורבן, איך האב געזען ווי אזוי דאס אלעס איז פארלוירן געגאנגען, ווען מ׳זאגט א נומבער פון זעקס מיליאן, איך וויל איהר זאלט פארשטיין, אז דאס איז נישט נאר עפעס א אינדרויסענדיגע זאך וואס מ׳זאגט, אויב וועט א מענטש נאר אנהייבן ציילן פון איינס ביז זעקס מיליאן, וועט עס דויערן אפאר טעג נאר צו ענדיגן ציילן, און דאס איז נאר אויף צו זאגן דעם נומבער, ווען מ׳זעהט א מענטש וואס שלאגט זיך אויף זיין לעבן, קען מען פשוט קראנק ווערן נאר פון דאס צוזעהן, און דאס איז געווען מיט דעם נומבער פון זעקס מיליאן.

**דער** הייליגער דברי חיים זי״ע וואס מ׳קען זיך נישט פארשטעלן זיין גרויסקייט, ער איז געווען א גדול צווישן גדולים, און זיין דור וואס איז געוועהן א דור פון צדיקים, ער האט געהאט א זוהן און ראצפערט וואס איז געוועהן א זקן מופלג, הרה״ק ר׳ שלום אליעזר זצ״ל, אויך איהם האט מען געפירט קיין אוישוויץ, דער אויבערשטער האט אים געגעבען א זעלטענעם אריכות ימים, כדי ער זאל דערנאך זיצן און די באן צוזאמען מיט אזעלכע מענטשן וואס האבן בכלל נישט געוואוסט ווי דער באשעפער געפינט זיך, אזוי אויך האט ער געהאט נאך א זוהן הרה״ק ר׳ ישעי׳לע טשחויבער זצ״ל, און נאך צדיקים וקדושים וואס זענען אלע געגאנגען אויף קידוש השם אויף דעם וועג.

**אבער**, ס׳זאל קיינעם נישט איינפאלן קיין קשיות אויף דעם באשעפערס פירערשאפט, פארוואס איז אזוי געשען, ווייל זיכער האט אלעס א חשבון, ווען דער מלך המשיח וועט קומען, וועט מען זעהן אז אלעס איז געווען מיט א פונקטליכע חשבון, דער אייבערשטער איז צדיק וישר, איך דארף איהם נישט פארשטיין און מסביר זיין, און עטס דארפטס אים נישט פארשטיין.

**מ׳זאגט** און פיוט, לבושו צדקה מעטהו קנאה, נאפד נקמה סתרו יושר, עצתו אמונה פעולתו אמת, דאס איז קלאר, אז לבושו צדקה, דער לבוש פונעם אויבערשטער וואס ער וויל אנטון יעדן איינעם איז צדק, אבער מ׳זעהט דאך אמאל אז מעטהו קנאה, ס׳איז באהאלטן אין די קנאה, און ס׳איז נאפד אין די נקמה, אבער מדארף וויסן אז סתרו יושר, ס׳איז באהאלטען אין דעם יושר, אזוי ווי אונז וועלן נאך וויסן ווען דער טאג וועט קומען, עצתו, די עצה דערצו איז אמונה, זיך שטארקן מיט אמונה, און דעמאלס פעולתו אמת, וועסטו פארשטיין אז זיין פעולה איז אמת.

**אור** עולם באוצר החיים, די ליכט פון די וועלט יעצט געפינט זיך באוצר החיים, און דעם פלאץ פון ווי זי קומט, אורות מאופל אמר ויהי, די ליכט וואס קומט פון טונקלקייט וואס אונז געפינען זיך דערין, אמר ויהי, האט דער אויבערשטער געזאגט אז אזוי דארף דאס זיין.

ער האט דערציילט אז ער האט אמאל געזעהן אין די מלחמה יאהרן א זאך וואס האט איהם זייער מעורר געווען, ס׳איז געווען ליל ראש השנה, ווען מ׳איז פטור געווען פון אלע מצות, און א פאר אידן האבן זיך צוזאם גענומען און געדאווענט מעריב פון ר״ה ביינאכט, אבער בדרך כלל, ר״ה ביינאכט ווען מ׳קומט אהיים און שטוב, נאכן דאווענען, עסט מען די סימנים, און מ׳בעט שירבו זכויותינו, און א שנה טובה ומתוקה, אבער זיי האבן נישט געהאט די אלע זאכן, אבער זיי האבן געדאווענט, און געדאנקט דעם אויבערשטן אויף דעם אז מ׳קען דאווענען ר״ה ביינאכט, און דאס איז געווען געבינדן מיט סכנות נפשות ממש.

**ווען** זיי האבן גענדיגט דאווענען, האט איינער זיך אנגערופן און געזאגט, אונז האבן נישט קיין וויין קידוש צו מאכן, אבער קומט מאכן א קידוש אזיינס וואס מ׳האט נאך קיינמאל אויף דער וועלט נישט געמאכט אזא קידוש, זיי האבן גענומען א ליידיגן כוס, און אנגעהויבען וויינען אין דעם כוס מיט פילע טרערן, ווען דער כוס איז פול געווארן מיט זייערע טרערן, האבן זיי קידוש געמאכט אויף דעם, דאס זענען געווען די מעשים פון אידן און יענע צייטן.

**היינט** ב״ה שטייט דאס ענק ביי, אזוי ווי ס׳שטייט נאדי ספרת אתה שימה דמעתי בנאדך הלא בספרתך, די טרערן זענען נישט פארגעסן געווארן, און נישט פארלוירן געגאנגען, און געדענקט מען וואס יעדער האט געטוען.

## הוא ה׳ אומר

**מיר** וועלן ענדיגן די באשרייבונן מיט אפאר טייערע ריינע ווערטער וואס ער פלעג געווענליך איבער זאגן, כאטש מ׳וואלט געקענט ברענגן הונדערטע און טויזענטע טייערע ווערטער, אבער פטור בלא כלום קען מען נישט.

**ער** איז געוואוינט געווען צו זאגן, ווען ס׳איז חלילה דא א קראנק קינד און שטוב, איז מען שטארק דערשראקן, און מ׳ווארט צו הערן פונם דאקטאר וואס איז די אורזאך פון די מחלה, און מרוהט נישט ביז דער קינד ווערט אויסגעהיילט, אבער ווען ס׳איז חלילה דא א עבירה און שטוב, גייען אריבער א טאג און צוויי און מ׳פארגעסט דערפון אינגאנצן, און מ׳טראכט אז די נשמה וועט זיך אליין׳ס אויסהיילן מיט די צייט, אבער ס׳איז נישט אזוי, ביי די נשמה זעהט מען עס נישט, אבער די נשמה איז קראנק, און מ׳דארף טוען פארשידענע פעולות איהר אויס היילן, דער רבוש״ע וואס איז א רופא כל בשר, ער וועט שוין עפענען דעם וועג, אבער דער מענטש דארף עפעס טוען דערצו.

**ער** פלעג אויך מעורר זיין מיט די מעשה וואס איז געווען א געוויסע שטאט וואס ס'איז דארט געווען א גוטע שפיטאל אויסצוהיילן די קראנקע, קראנקע מענטשן וואס זענען דארט אריין, זענען ארויס פון דארט געזונט, אבער מיט די צייט האט מען באמערקט אז יעדער קראנקער וואס גייט פון דארט ארויס, כאטש זיי זענען אויס געהיילט געווארן פון זייער מחלה, איז אבער מיט די צייט געקומען א נייע מחלה, א אנדערע מחלה, און דאס איז געווען א גרויסע חידוש און פלא, און זיי האבן נישט געוואוסט די אורזאך דערצו.

**נאך** אסאך פארשונגען איז קלאר געווארן, די אורזאך, ווייל די שפיטאל איז געווען זייער אלט, וואס הונדערטער יאהר נאכאנאנד, זענען אהין געקומען קראנקע וואס זענען אויסגעהיילט געווארן, און אין יענע טעג האט מען נישט געוואוסט וואס מ'ווייסט היינט ווי אזוי צו האלטן דאס פלאץ ריין און סטעריליש, ס'זאל זיך נישט איינזאפן קיין מחלות און די ווענט, און דארט זענען געווארן איינגעזאפט די מחלות, און פארלויף פון די יאהרן, ביז אלע ווענט זענען געווען פול מיט מחלות, און פארדעם א קראנקער וואס איז געקומען אהין, כאטש ער איז אויסגעהיילט געווארן פון זיין מחלה, איז ער אבער און די צייט וואס ער האט דארט געוויילט, און באזונדער ווען ער איז געווען קראנק און אפגעשוואכט, איז ער מער ערפינדליך זיך אנשטעקן מיט מחלות, און פארדעם איז קיינער נישט ארויס פון דארט אינגאנצן געזונט, ווייל שטענדיג נאכן געזונט ווערן פון איין מחלה, איז ער געווארן אנגעשטעקט מיט א אנדערע מחלה, איינע פון די מחלות וואס זענען איינגעזאפט און די ווענט פון שפיטאל, ווען מ'האט זיך דערוויסט, פון דעם סוד, איז נישט געווען קיין אויסוועג נאר מ'האט איינגעווארפן די געביידע פון שפיטאל מיט אלע אירע מחלות, און געבויעט אלעס פון דאסניי, און דאס איז שוין געווען אזוי ווי אלע שפיטעלער, אז די קראנקע זענען צוריק געווארן גענצליך געזונט אהן קיין שום מחלה.

**דער** מוסר השכל פון דעם און רוחניות, חז"ל זאגען אז קורות ביתו של אדם מעידין עליו בשעת הדין, די ווענט זעהן און זאפן איין די עבירות וואס דער מענטש טוט, און ער מיינט אז די עבירה איז מער נישט דא, ער האט שוין פארגעסן דערפון און אנגעהויבן א נייעם בלאט, אבער די עבירה וואס ער האט געטוען בלייבט איינגעזאפט און די ווענט פון שטוב, און אויב האט ער געטוען א עבירה און בית המדרש ח"ו בלייבט די עבירה און בית המדרש, דער פלאץ זאפט איין און שלינגט אלע עבירות, אזוי ווי מ'זעהט און די אויבנדערמאנטע מעשה, אז אפילו און גשמיות איז דא אזא זאך אז די ווענט זענען פול מיט מחלות, כל שכן און רוחניות איז אזוי, פארדעם א פלאץ ווי מ'האט דארט געטוען מערערע חטאים, ציהט איהם דער פלאץ צו טוען נאך חטאים, ווייל דער פלאץ איז פול מיט דעם, און דאס פארקערטע איז פארקערט, אז מדה טובה מרובה, אויב האט ער געטוען מצות אין שטוב, ווערט די שטוב אנגעזאפט מיט מצוות, און פארדעם איז די שטוב ריין און לויטער, און דאס ציהט איהם צו טוען נאך מצות, מצוה גוררת מצוה, און יעדער מענטש וואס קומט אויף דעם פלאץ, שפירט ער אליינס א ווילן צו זיין א גוטער איד און ירא שמים און טוען דעם רצון הבורא, ווייל די שטוב איז אנגעזאפט מיט מצות און מעשים טובים און יראת שמים.

**ער** פלעגט זאגן דער בעל עבירה איז דער גרעסטער רחמנות, ווייל ווער ס'איז קראנק מיטן גוף קען זיין ער זאל זיך אויסהיילן, און אפילו ווען נישט איז דאך דער גוף נישט קיין שטענדיגע זאך וואס בלייבט אויף אייביג, אבער ווער ס'איז א בעל עבירה, ווערט זיין נשמה פארברענט, און ס'איז נישט דא א גרעסערער רחמנות ווי איהם.

**נאך** איז ער געווען געוואוינט צו זאגן, ס'איז א חוב צו זאגן לפחות איין קאפיטל תהלים יעדן טאג פאר די חטאת נעורים, זיכער איז כל המרבה מער משובח, אבער איין קאפיטל איז חוק ולא יעבור.

**וויפיל** איז האט ער זיך מצער געווען אויף די ירידת הדורות, און דאס איז געווען נאך דרייסיג יאהר צוריק, ווען ער פלעג אפט זאגן, און דעם דור קען מען באקומען יעדעס עסן אויף די וועלט מיט א הכשר, אויב אזוי איז באמת נישט דא מער קיין תירוץ נישט צו זיין א ערליכער איד.

**אמאל** איז ער געווען ביי א סוחר צוזאם נעמען געלט פאר די ישיבה, אינמיטן וואס ער איז דארט געזעצן האט דער סוחר זיך אנטשולדיגט און געזאגט אז ער מוז ארויס פון צימער אויף א מינוט, נאך א פאר מינוט איז ער צוריק געקומען, ר' יונה האט איהם געפרעגט וואס איז געשעהן, האט דער מענטש געענטפערט איך האב זיך דערמאנט אז היינט איז די יאהרצייט פון מיינע עלטערן ע"ה, פארדעם בין איך שנעל געגאנגען אנצינדן לעכט לעילוי נשמתם, האט ר' יונה געענטפערט אוי ואבוי, צי איז דאס דער כבוד פון די עלטערן זיך אזוי אויפצופירן אז מ'צינדט לעכט אפאר מינוט און מיט דעם איז מען שוין יוצא.

אויך דאס איז ער געווען געוואוינט מעורר זיין מיט מוסר רייד מיט א משל, אז אמאל מאכט זיך ביי א גרויסן עושר, אז דער מצב גליטשט אויף אראפ, און ער קען נישט ארבעטן געהעריג ווי ס'דארף צו זיין, אזוי ווי ווען ער איז געווען מיט די פילע כוחות, און דאס ברענגט צו אז זיינע נכסים ווערן ווייניגער און ווייניגער ביז ער ווערט א צייטווייליגער ארעמאן, ווייל יעצט איז ער דאך ארעם, אזא מענטש וועט קיינמאל נישט פארגעסן די וואס האבן איהם געדענקט און געזארגט פאר איהם און זיין ענגשאפט, און ווען ער וועט צוריק רייך ווערן און צוריק קומען צו זיין פריערדיגן שטאנד, ווען ער באצאלן פאר די וואס האבן פאר איהם געזארגט ווען ער איז ארעם גיוועו, טאפלט.

**אויך** דאס איז ער געווען געוואוינט מעורר זיין מיט מוסר רייד מיט א משל, אז אמאל מאכט זיך ביי א גרויסן עושר, אז דער מצב גליטשט אויף אראפ, און ער קען נישט ארבעטן געהעריג ווי ס'דארף צו זיין, אזוי ווי ווען ער איז געווען מיט די פילע כוחות, און דאס ברענגט צו אז זיינע נכסים ווערן ווייניגער און ווייניגער ביז ער ווערט א צייטווייליגער ארעמאן, ווייל יעצט איז ער דאך ארעם, אזא מענטש וועט קיינמאל נישט פארגעסן די וואס האבן איהם געדענקט און געזארגט פאר איהם און זיין ענגשאפט, און ווען ער וועט צוריק רייך ווערן און צוריק קומען צו זיין פריערדיגן שטאנד, ווען ער באצאלן פאר די וואס האבן פאר איהם געזארגט ווען ער איז ארעם גיוועו, טאפלט.

**אזוי** אויך די תורה און דעם דור איז א בחינה פון א צייטווייליגע ארעמאן, אזוי פלעגט ר' יונה זאגן, זי געפינט זיך און און א נידריגן צושטאנד, קיינער קוקט זיך נישט אים אויף איר, און צומאל זעהט מען אויך נישט דעם גוטן באלוין וואס די תורה הק' באצאלט פאר די וואס פלאגן זיך און איהר אויף די וועלט, אבער געדענקט גוט, אז זי איז נאר א צייטווייליגע ארעמאן, און ווען די תורה וועט צוריק קומען צו איהר שטאנד, וועט זי געדענקן גוט די אלע וואס האבן געטוען פאר איר אויך ווען זי איז פאראראעמט גיוועהן, און דעמאלס וועט זי באצאלן טאפלט.

**אמאל** ווען ער האט געוואלט ארויס ברענגן דאס גרויסקייט פון דעם בר מצוה טאג, פלעג ער פארשטעלן ווי ס'זענען געווען ניין אלטע גאר דערהויבענע מענטשן, און וועלן וועלן זאגן קדיש אדער קדושה, אבער זיי וועלן נישט קענען על פי הלכה, און פלוצלינג קומט אריין א אינגל און זיי האבן איהם געפרעגט פארוואס ביסטו דא, האט ער געענטפערט היינט בין איך געווארן בר מצוה און איך בין געקומען און בית המדרש דאווענען, גלייך וועלן זיי ענטפערן צוזאמען, יעצט קענען מיר זאגן יתגדל ויתקדש שמיה רבה.

## יונה מצאה בו מנוח

**אינעם** זעכציגסטן יאהר פון זיין לעבן, האט רבי יונה געליטן פון א הארץ אטאק, אבער וויבאלד ער האט זיך געשטארקט נאך א צייט און צוריק געקומען צו זיינע כוחות, האט ער זיך צוריק געקערט צו זיין הייליגע ארבעט אזוי ווי פריער, ווינטער שנת תשמ"ג, ביי די יערליכע מלוה מלכה פאר די נייטרא ישיבה, איז געווען דאס לעצטע מאל רבי יונה האט ערשינען פארן ציבור, זיין דרשה האט דעמאלס אויפגעטרייסלט דאס הארץ פון אלע צוהערער, אפאר טאג שפעטער האט ער זיך נישט גוט געפילט און אפגעפירט געווארן צום דאקטער וועלכער האט געהייסן אריבער גיין זייער א שווערע און קאמפליצירטע אפעראציע, ווייל זיין צושטאנד איז און געפאר, און זיין צושטאנד איז טאקע שווערער געווארן און מער נישט אויפגעשטאנען פון די קרענק בעו"ה.

**און** זיינע לעצטע טעג האט זיך דערקענט די טיפעניש פון זיין ריין הארץ ווען פון די שווערע יסורי איוב וואס ער האט געליטן האט מען אים געהערט זאגן נאך אנאנד, אוי! איך זאל זוכה זיין מקדש זיין שם שמים און נישט ח"ו מחלל זיין שם שמים, דאס איז געווען זיין שטרעבונג זיין גאנץ לעבן ביזן לעצטן אטעם.

**נאנט** פאר זיין פטירה ווען ער איז געלעגן אין שפיטאל און אינטענסיוו קעיר, האט ער צוגערופן ב"ח ארויסנעמענדיג א טשעק בוך פון אונטערן קישן און שנעל אפגעשריבן א טשעק פון פונף הונדערט דאלער, און עס געגעבען פאר ב"ח זאל עס געבן פאר עפעס א באוואוסטן רב, זאגנדיג קיינער זעהט נישט? איך האב זיך שטארק געוואונדערט, ערשטענס פון ווי האט ער א טשעק בוך און דעם פלאץ, און צווייטנס ווען ער האט א מאניטאר אויפן הארץ האט ער אויך נישט פארגעסן פון זיינע גרויס טעטיקייטן.

**מיטן** אנקום פונעם שבת קודש פרשת ויחי, ט"ז טבת תשמ"ג לפ"ק, איז די נשמה פון רבי יונה ארויף אין הימל, ויונה מצאה בו מנוח ביום מנוחה, און הימל האט מען זיך געפריידט מיט דעם נפש נקי וצדיק, ער איז געקומען לקבורה נאנט צו די נייטרא ישיבה, ער איז געקומען צו רוה און אונז האט ער איבער געלאזט און טיפן טרויער...!

**המשך סיפורים וכדו' על מרן זצ"ל**

**נביא אי"ה בגליון הבא פרשת שמות הבעל"ט**

**לעילוי נשמת**

**האשה החשובה הצנועה והיקרה**

**מרת פיגא ב"ר משה ע"ה**

**אמו של אשת מרן הגה"צ רבי יונה הלוי פארסט זצ"ל**

**נפטרה י"א טבת - שחל שב"ק ויחי הבעל"ט**

ת.נ.צ.ב.ה.

# דברי יונה על פרשת ויחי

## וילכו גם אחיו וגו', הננו לך לעבדים וגו', ואתם חשבתם עלי רעה אלקים חשבה לטובה וגו'.

**ובאוהחה"ק** כתב על זה דהרי זה דומה למתכוין להשקות חבירו כוס מות והשקהו והשקהו כוס יין שאינו מתחייב כלום וכו' והנה הקשו על דבריו ז"ל דלכאורה קי"ל שנתכוין לאכול בשר חזיר ועלתה לו בשר טלה דצריך כפרה וכמו שאמרו [ספרי יז] באשה שנדרה בנזיר ושמע בעלה והפר לה והיא לא ידעה ועוברת על נדרה ושותה יין ומטמאה למתים זו היא שצריכה סליחה וכו'.

**ואפ"ל** עפי"מ שכתב בספר ערבי נחל לבאר פסוקים אלו דהנה אמרז"ל [קידושין מ.] שלפעמים אדם נענש על מחשבה רעה, והטעם מסתברא כי מאחר שהשי"ת יודע מחשבות א"כ כך נחשב המחשבה לחטא כמו המעשה, משא"כ בין אדם לחבירו ודאי שאפילו יחשוב לחבירו רעה כל מה שגומל לו טובות אינו נענש, כי מה מזיק מחשבתו אחר שעי"ז אין מגיע לחבירו נזק, וז"ש שמכיון שה' חשבה לטובה, א"כ לא חטאו נגדו אלא במחשבה, וזה לא הוי חטא אלא בין אדם למקום, וז"ש התחת אלקים אני, וא"כ אצלו דהוי רק בין אדם לחבירו לא הוי חטא כלל.

**ולפי"ז** מיושב היטב דמה דקי"ל נתכוין לאכול בשר חזיר וכו' היינו בין אדם למקום, דאז שפיר צריך כפרה, משא"כ במתכוין להשקות חבירו כוס מות והשקהו והשקהו כוס יין אה"נ דאינו מתחייב כלום כיון דהוי רק מחשבה שאינו חייב בין אדם לחבירו. אמנם בעצם הדבר יל"ד מה שאמר ואתם חשבתם עלי רעה וגו' דלכאורה השבטי קה עשו כל מעשיהם על פי תורה, ומה שמסרו אותו למיתה כי דנו אותו למורד במלכות, וא"כ מה זה שאמר ואתם חשבתם עלי רעה וגו' דלפי"ז לא חשבו כלל לרע אלא חשבו דחייב עפ"י תורה, ואה"נ דהמה טעו בדבר ולכן הפך השי"ת מחשבתם ונתהפך הכל לטובה, אבל עכ"פ למה צריך לנחם אותם על כך.

**והנה** נודע מש"כ הגר"י ענגיל זצ"ל [ציונים לתורה כלל טו] וזה לשונו, דכירנא כד הוינא טליא שמעתי בשם גדול אחד שנסתפק בהא דבענין שב מידיעתו לענין חטאת, ונסתפק אם לא היה העובר שב מידיעתו, ולא מחמת שהיה רוצה לעבור במזיד רק מחמת שאילו היה יודע אז היתה הידיעה גורמת היתר המעשה, אם זה מיקרי אינו שב מידיעתו לפטור מקרבן או לא. ועיי"ש מה שהאריך בזה בכמה צדדים, ובתו"ד מביא משו"ת חידושי הרי"מ [חיו"ד סימן ט] במי שאכל שלשה חתיכות ושניהם היה שומן ואחד חלב, דיש שיטות הראשונים דאף דמדאורייתא בטיל חד בתרי, אמנם זהו דוקא כשנודע התערובות, אבל בלא נודע התערובות לא בטיל. אולם בנוגע לחיוב חטאת זה תלוי בחקירה הנ"ל, דלכאורה יש סברא לומר דנקרא בזה לא שב מידיעתו דאינו חייב חטאת, דאי היה נודע התערובות לא היה שב מידיעתו דכיון שכבר נודע התערובות א"כ כבר בטיל חד בתרי ושוב אינו חייב עיי"ש בארוכה. ועכ"פ השבטים שסברו שעושים עפ"י תורה, א"כ לא היה שייך בזה שב מידיעתו, ששפיר ידעו מה שעושים ועכ"ז סברו שזה עצמו היתר ומצוה, וא"כ מה זה שאמר להם ואתם חשבתם עלי רעה וגו'.

**אמנם** באמת צ"ל שהשבטים בעצמם הרגישו בהמשך הזמן שהיה בזה איזה פגם, דהלא מצינו בפסוק שאמרו [בראשית מב כא] אבל אשמים אנחנו על אחינו וגו' ויש בזה התבוננות גדול על גודל צדקתם של שבטי קה, שלא מצאו בעצמם שום פגם בכל משך ימי חייהם שבשביל זה יגיע להם עונש, רק בדבר זה של מכירת יוסף, אשר גם בזה היה סוברים בעצם שיש בזה מצוה, אבל עכ"פ כשהגיע להם עונש, התחילו לחשוב שמא היה בזה איזה פגם. אמנם לא ידעו בעצמם מה היה הפגם, ולכן כשבאו עכשיו אצל יוסף אמרו לו הננו לך לעבדים וגו' שהרגישו כבר שהיה איזה פגם, אבל עדיין לא ידעו מהו, כי אף שכבר ידעו שהיו טועים בדבר, כי יוסף לא היה ח"ו מורד במלכות כי החלומות נתקיימו, אבל עכ"פ המה מצד עצמם הלא היו רשאים לדונו כך, והיה רק טעות בדבר הלכה, וא"כ מהו הפגם בזה. ותשובתו של יוסף להם אפשר להבין במה שאנו רואים בתקופתינו, ובפרט במדינה זו, שיש חסרון התבוננות אצל כל יחיד, כי היחיד בדרך כלל אינו מתבונן בכל הנעשה סביבו, אלא שהרבה אלפי יחידים סומכים על המחשבה וההתבוננות של יחיד אחד הכותב במכ"ע או דורש השקפתו ברבים, והולכים אחרי זה בעינים עצומות, וכמובן שזה גורם מכשולות גדול.

**וכידוע** ממרן החת"ס זצ"ל שלא רצה להסכים על ענין של רב המדינה, ואמר בדרך משל שכל זמן שיש לכל אחד נר בביתו, הרי אם כבה נרו נחשך רק אצלו ולא אצל כל אחד משא"כ אם יעשו אור כלול בכל המדינה [וכמו שיש אור העלעקטער], הרי אם יתכבה במרכז כח האור אזי יהיה חושך בכל מקום. וכמו כן אם יהיה הנהגה כללית של רב המדינה, אזי אם יהיה ח"ו הירוס אצלו אזי זה יגרום הירוס בכל המדינה.

**וזה** שעורר יוסף את השבטים, דלכאורה כשיש רבוי אנשים צריך להיות גם ריבוי דעות, כי כל יחיד צריך להתבונן בכל פרט, ולאו כל אנפין שוין וממילא נעשה ריבוי דעות, אבל אם רואים שרבים חושבים מחשבה אחת דומה, הרי זה מוכיח שלא התבוננו כל אחד לעצמו, אלא כולם סמכו על דעה של יחיד אחד. וז"ש להם ואתם חשבתם עלי רעה וגו' והיינו שמכיון שכולכם כאחד חשבתם עלי רעה, ולא היה בזה ריבוי דעות, הרי מוכח מזה שלא היה כאן התבוננות נכונה מכל יחיד לעצמו, וא"כ זה היה הפגם הגדול אצלם. ובעוה"ר זהו חורבן גדול שאנו רואים היום שחיים בלי שום התבוננות לעצמו, ובפרט אחד הנני לעורר על זה גם אצל הבחורים והוא בנוגע לעבודת המידות. ובאמת ישנם כאלו שנדמה להם שדבר זה אינו נוגע לישיבה, כי כל התחייבותו לגבי הישיבה הוא רק שלא יפריע במה שנוגע לסדרי הישיבה בלימוד וכו' אבל מה שנוגע למצב עצמו אם יש לו מידות רעות וכדומה זה אינו נוגע לנו, וא"כ אין לי לדבר על כך ולהתערב בעניניו הפרטים. אבל באמת לא כן הוא כי ענין המידות הוא ענין עמוק מאד ואם אינו עובד על כך, זה גורם לו הרבה רעה באחריתו.

**ולדוגמא** אציין ענין אחד מה שהנני רואה הרבה אצל בחורים שאינם נזהרים בדיבור שקר, ואם שואלים אותו על איזה דבר מה שלא התנהג כהוגן, אין זה מעכב אצלו להתנצל בדבר שהוא שקר מוחלט. ואף שהוא יודע שאסור לומר שקר, אבל מכיון שהוא רגיל שהוא צריך למצוא מוצא בניקל מכל דבר העומד לו בדרכו, ולכן כששואלים אותו איזה דבר שאם יאמר המענה האמיתית לא יהיה לו לכבוד וינזפו בו על כך, כבר אינו יכול לעמוד בנסיון והוא משקר ל"ע. אמנם בחור החי בקצת התבוננות אזי הוא יודע שאם השי"ת צוה מדבר שקר תרחק, והוא אינו נזהר בכך, א"כ מה תועלת יש לו בלימודו. ואולי ח"ו היצה"ר מניח לו ללמוד כדי שעי"ז יתדרדר למטה בשאר ענינים. כי אם לא ילמוד אזי יעמדו בדרכו ולא יניחו לו, ויצטרך לקבל הדרכה בכל הענינים, ולכן מניח לו ללמוד כדי שעי"ז לא יטפלו עמו ויוכל לטנף עצמו בתרמית ומרמה ושקרים ותוצאותיה מי ישורנה, כי כשהיצה"ר כבר יש לו דריסת הרגל אצל אחד, אזי זה הולך מדיבור למעשה מטה מטה ל"ע. ומוטל חובה גדולה על כל בחור להתבונן תמיד בכל דרכיו ומעשיו בכל הפרטים כדי שיוכל להתכונן בימי בחרותו על כל ימי חייו ושנותיו הבאים לקראתו, כי באמת במשך ימי החיים.

**צריכים** להרבה כוחות דקדושה וגם מסי"נ בהרבה פרטים שיוכלו להתנהג כהוגן עפ"י התוה"ק. ובאמת בימי הבחרות אי אפשר לומר כהיום שיש איזה מסי"נ בעבור התורה, כי מה שרוצים ללמוד באישון לילה בזמן שמצד הנהלת הישיבה צריכים לישן זהו אינו מסי"נ ורק עקשנות, ומסי"נ יש אולי כשבחור מתגבר על הסביבה שלו שאינם מתמידים בתורה, והוא מתגבר על החברים ועל היצה"ר של עצמו ולומד בהתמדה בזה יש קצת מסי"נ. אבל עכ"פ במשך החיים יש הרבה פעמים שצריכים למסי"נ, ובפרט כשטרודים על המחיה ועל הכלכלה, ובאים לבית בלילה עיף ויגע, ועכ"ז מתעודדים לקבוע עתים לתורה, זהו בחינה של מסי"נ בעבור ה' ולכל זה יש להתכונן בתקופה זו כאשר יושבין בישיבה בלי טירדות, ויש הכל מוכן ומזומן בהרחבת הדעת, עכשיו צריך כל אחד לעבוד על עצמו בכל הענינים כדי שיהיה מוכן אצלו כוחות דקדושה לכל ימי חייו. ויש לזכור גם שיש בזה ענין של כיבוד אב, כי הלא ההורים מתיגעים מאד לתכלית בניהם, ואם התלמיד אינו מתחשב בכל זה ונדמה לו שהכל מגיע לו הרי זה עוולה גדולה, וידוע מהחידושי הרי"ם שאמר כששואל אברך למה אינו לומד כהוגן הוא משיב שהוא צריך לעמול בעד הבנים, וא"כ לכאורה היינו צריכים לראות שמתגדלים גדולי ישראל מאותם הבנים שמניחים את אחרים להתייגע בעבורם ולהתבטל מלימוד עצמם, ואיה איפוא הם.

**ועכ"פ** בודאי שכל אחד צריך להתבונן בנפשו גם בענין זה, מה שצריכים להתעורר ולתעודד להתעלות בתו"ש לצד התחייבותו להוריו. וכן יש להתבונן שבחור הלומד תורה, צריך שיהיה כל התנהגותו ביר"ש ובמידות, ולא להיות להוט אחר אכילה ושאר עניני עוה"ז. הנה אמרז"ל אין התורה מתקיימת אלא במי שממית עצמו עליה, אמנם גם מי שממית עצמו קצת זהו ג"כ חשוב מאד, כי כמו שבאיסור יש חצי שיעור כן במצוה יש ג"כ ענין של חצי שיעור. ואם מתאמץ עצמו בעבור התוה"ק אף קצת זהו ג"כ בחינה של ממית עצמו כי מה לי קטליה כולה ומה לי קטליה פלגא. אבל אם רוצים לחיות רק בהרחבה ובמנוחה בלי שום התאמצות בודאי שבאופן זה אין התורה יכול להתקיים אצלו. וכלאחד צריך להתבונן בכל זה כפי מצבו וערכו, והשי"ת יהיה בעזריכם להיות מוסיף והולך בתו"ש בהצלחה רבה.

מדור

# דברי יונה (אידיש)

## ממרן זצ"ל

נתפרסם לראשונה

לרגל ההילולא קדישא

## גודל קדושת שבת קודש

לא תבערו אש בכל מושבתיכם ביום השבת (שמות לה ג). די ספרים הק' (בעל העקידה פ' ויקהל) ברענגען אז דאס גייט ארויף אויפ'ן אש המחלוקת, דאס טוט מען געווענליך גורם זיין דורך דעם וואס מען רעדט וואס מען דארף נישט צו רעדן, מען זעט טאקע נישט ווען דער דיבור גייט ארויס, אבער דער דיבור בלייבט אין חלל העולם עס איז נישט לבטלה, סיי גוטע דיבורים און סיי שלעכטע דיבורים בלייבן אין חלל העולם און פון דעם געשעהט דערנאך פעולות ווי די גמרא (ערכין טו:) זאגט אז לשה"ר איז הורגת שלשה וכדו', ובפרט שבת, א גאנצע וואך איז דאך א מענטש טרוד במלאכתו ובפרנסתו, אבער שבת ווען ער איז נישט טרוד איז דער חשש גרעסער אז ער זאל דעמאלטס רעדן איבעריגע זאכן וואס דורך דעם וועט זיך אנצונדען דער אש המחלוקת, ווענן דעם זאגט דער פסוק לא תבערו אש בכל מושבתיכם ביום השבת. אויך שטייט (שלה"ק פ' ויקהל) אז דאס גייט ארויף אויפ'ן פייער פון גיהנם וואס אום שבת ברענט עס נישט אבער דער אש המחלוקת און כעס איז גורם דאס אנצוצינדען, אויף דעם זאגט דער פסוק לא תבערו אש וגו' ביום השבת.

נאך קען זיין פשט, עמיצער איז אמאל צוגעקומען עפעס רעדן מיט'ן צאנזער רב זצ"ל בשעת ער האט געהאלטן אין מיט'ן לערנען, האט ער אים געזאגט, ביסט גרייט מיט צו עסן, ס'איז גארנישט געווען דארט וואס צו עסן, נאר די גמרא זאגט (חגיגה יב:) כל הפוסק מדברי תורה ועוסק בדברי שיחה מאכילין אותו גחלי רתמים. געט מען אזעלכע גליעדיגע קוילן פון דעם רותם האלץ, נו זאגט ער, איר ווילט דאך מיך ברענגען דערצו אז איך זאל דא מפסיק זיין וועט מען דאך געבן צו עסן גליעדיגע קוילן, קומסט מיט עסן. עכ"פ מאכט מען אויך א פייער אן מיט דעם וואס מען טוט מפסיק זיין ממשנתו, עס שטייט אין מדרש (הובא בטור או"ח סי' ר"צ) די תורה האט געזאגט פאר'ן אייבערשטן, ווען די אידן וועלן אריינגיין אין ארץ ישראל זה רץ לכרמו וזה רץ לשדהו יעדער וועט לויפן צו זיין ארבעט און וואס וועט זיין מיט די תורה, האט דער אייבערשטער געענטפערט, איך געב דיר דער שבת, אום שבת ארבעטן זיי נישט וועלן זיי האבן צייט צו לערנען. דאס זאגט דער פסוק לא תבערו אש וגו' ביום השבת, מען זאל נישט זיין קיין פוסק מדברי תורה און אנצינדען קיין גחלי רתמים, אדרבא דער שבת איז געגעבן געווארן פאר דעם צו עוסק זיין בתורה.

בפרט עס קומט יעצט די זומער שבתים אזעלכע לאנגע טעג, דער כתב סופר זצ"ל האט געהאט א מנהג ער פלעגט זיך פרי לייגן פרייטאג צו נאכטס און צוועלף אזייגער איז ער שוין אויפגעשטאנען און ער האט געלערנט מיט צווי בחורים [וועגן די ליכט] ביז אינדערפרי א זעקס זיבן שעה, פלעגט ער צו זאגן, מען זאל נאר נישט אויסזאגן פאר קיין גוי וואספארא תענוג דאס איז אויפצושטיין פארטאגס בפרט א שבת פארטאגס און צו לערנען א פאר שעה, זאגט ער, וויל ווען א גוי זאל דאס ווען וויסן, ער האט מורא אז ער וואלט עס ווען נאך נאכגעמאכט. נו, מען דארף נישט אזוי מורא האבן פאר דעם.

**עכ"פ** שבת איז דאך א הייליגער טאג, כי קודש הוא לכם מחלליה מות יומת. דער פרי מגדים ברענגט (מתן שכרן של מצות חקירה ז') אז אין א הייליגער טאג איז יעדע זאך הייליגער, למשל ווען א מענטש גנב'עט אום יו"כ אדער אום שבת איז עס הארבער דער עונש ווי אין א וואכן טאג, כאטש גניבה האט דאך נישט קיין שייכות מיט'ן איסור שבת און יו"כ, דער טאג איז הייליגער איז יעדע עשיה הן למצוה הן חלילה לעבירה איז עס שטארקער, די קדושת היום גייט מיט מיט יעדע זאך.

## בענין תשובה

דער רמ"א אין שו"ע (יו"ד סי' רל"ב סי"ב) ברענגט א מחלוקת אויב אונס יום אחרון הייסט א אונס, דאס הייסט אז א מענטש שווערט אדער ער מאכט א נדר אז ער גייט טוהן א געוויסע זאך ביז א יאר אדער אין יענעם טאג און ער האט עס כסדר אפגעשטופט זאגענדיג אז ער האט נאך צייט, און צום סוף אינעם לעצטן טאג האט ער פארגעסן אדער ער האט געהאט א אונס און ער האט עס נישט געטוהן, צו דאס הייסט אן אונס צו נישט, וויל סוף כל סוף ער האט געהאט א גאנץ יאר צייט און ער לאזט עס אויפ'ן לעצטן טאג און יעצט איז ער א אונס, איז קען זיין אז אונס יום אחרון לא שמיה אונס, אין דעם קען מען אריין טענה'ן, עכ"פ מען לאזט נישט אויפ'ן לעצטן טאג, א מענטש וועט ארום גיין ליידיג א גאנץ יאר און די לעצטע רגע וועט ער זיך דערמאנען ער דארף תשובה טוהן, ער לייגט זיך שלאפן א האלבע שעה אדער צען מינוט פאר'ן דאווענען און ער פארשלאפט דעם דאווענען, איז עס ע"פ הלכה נישט קיין אונס, און צו מען קען נאך אמאל דאווענען צו עס האט א תשלומין איז א גרויסע שאלה אין די הלכה, צי דאס הייסט בגדר אונס אדער הייסט עס בגדר מזיד (עי' או"ח סי' ק"ח), דאס ווענדט זיך אויך אין די פלוגתא פון אונס יום אחרון.

די זעלבע זאך איז א מענטש זינדיגט אן א גאנץ לעבן און אינעם לעצטן טאג וויל ער תשובה טוהן, תמות נפשי מות ישרים. נאך דער רמב"ם (הל' תשובה פ"ב ה"א) זאגט אפילו עבר כל ימיו ועשה תשובה ביום מיתתו כל עונותיו נמחלים. ביז די לעצטע רגע פון לעבן ווי לאנג דער מענטש לעבט קען ער נאך תשובה טוהן. אבער דער אמת איז אז פשט אין רמב"ם איז, אז ווען ער קען תשובה טאן דעמאלטס איז די תשובה אויך א תשובה, אבער ער זאגט נישט אז עס איז זיכער אז דער מענטש וועט קענען דעמאלטס תשובה טאן, עס קען זיין אז מען מוז לעבן גאר אן אנדער לעבן אז מען זאל דעמאלטס האבן די זכי' תשובה צוטאן. ווי האט דער קאצקער רבי זצ"ל געזאגט, מען האט אים געזאגט אויף א געוויסע רבי'ן אז ער איז א בעל מופת, זאגט ער, זאל ער באווייזן א מופת ער זאל מאכן א בעל תשובה. אין די צוואה וואס דער צעהלימער רב זצ"ל.

האט איבערגעלאזט שרייבט ער דארטן, ואני מבקש ומתחנן מלפני אבינו שבשמים שיזכיני לעמוד בנסיון ברגע האחרונה ושלא אכשל ח"ו באיזה מחשבה שהוא נגד רצון הבורא ית"ש. ערליכע אידן האבן מורא געהאט טאמער אין די לעצטע רגע ווען מען האט שוין נישט קיין כח זיך מתווכח צו זיין און לוחם זיין מחמת בלבול הדעת, וועט דער בעל דבר קומען מסית ומדיח זיין און מען וועט אים צושאקלען מיט חלילה מסכים זיין און פארלירן די אמונה, עס איז טאקע דא אן אלטער מסירת מודעה נוסח פון די קדמונים (עי' שבט מוסר פרק כ"ז) וואס א מענטש זאל זאגן נאך פון פריער. ווי אזוי איז דאס טאקע מעגליך אז עס זאל זיין אזא חשש, נאר אז דאס לעבן איז נישט געווען אזוי ווי א איד דארף צו לעבן, האבן זיי מורא געהאט טאמער האט זיך דאס צונויף גענומען די לעצטע רגע, דעמאלטס חלילה וויל דער בע"ד אלעס אוועק נעמען. דער רמב"ם זאגט טאקע אז מען קען תשובה טאן, אפילו אין די לעצטע רגע אז מען טוט תשובה איז עס אנגענומען, אבער אז מען זאל דאס קענען טוהן, קען זיין אז מען דארף האבן צו דעם א סאך זכיות מען זאל בכלל זיין ביים דעת צלולה דעמאלטס אז מען זאל קענען תשובה טאן. דער אונס יום אחרון אויב דאס איז א אונס אדער נישט אין דעם קען מען זיך דינגען, מען קען טענה'ען איך האב דאך געוואלט תשובה טוהן אין דעם לעצטן טאג, איך בין דאך נאר נאנס געווארן, נו, דער אונס מאכט דאך דער אייבערשטער, אבער ווען מען לעבט א לעבן ווי עס דארף צו זיין, דעמאלטס טוט דער אייבערשטער פארהיטן דעם אונס, און אמאל לאזט דער אייבערשטער דעם אונס צוקומען, ממילא קען מען זיך דינגען ווער האט געמאכט דעם אונס.

**עכ"פ** תשובה טוהן אליין איז אין א רגע, אבער כדי צוצוקומען צו דעם דארף מען אריינטראכטן, מיר זענען דאך מאמינים, מיר זענען אביסל צו קלוג, לאמיר אביסל טראכטן מיט אמונה פשוטה, דער רבוש"ע ווייסט אז דאס איז גוט און דאס איז שלעכט, שלעכטע רעדן איז א שלעכטע זאך, שלעכטע טשיקן איז א שלעכטע זאך, וואלט מען אריינגעביסן אין איר?, קיינער זוכט זיך דאס נישט, עס איז א פשוטע זאך, עס איז דא א גן עדן און עס איז דא א גיהנם, אזוי ווי א איד גלייבט אז אין גן עדן קומט מען אריין אז מען איז ערליך, אבער אין גיהנם נעבעך צאלט מען, ווי דער רמב"ן זאגט (שער הגמול) אז אלע יסורי איוב פון זיין גאנץ לעבן קומט נישט צו ווי איין שעה אין גיהנם, און דער רמב"ן מעג מען אויך גלייבן ער איז געווען א ערליכער איד, דארף מען מורא צו האבן, נאר וואס דען, דער אייבערשטער איז א בעל החסד ובעל הרחמים ער וועט אונז אוודאי העלפן, אבער מען מוז אביסל טאן, יעצט איז א זמן וואס מען זאל טוהן, דער אייבערשטער זאל אונז אלע העלפן אז מיר אלע זאלן זוכה צו א כתיבה וחתימה טובה.

## בענין תפלה

**איך** וועל פארלערנען א שטיקעלע יערות דבש, איך וועל איבערזאגן זיינע ווערטער אויב טרוי איך מיך, ער (רבי יהונתן אייבשיץ זצ"ל) איז געווען רב אין אה"ו (אלטונא, האמבורג, וואנדסבעק) ער האט געהייסן דעמאלטס פון די גדולי עולם, ער ברענגט אויף א פלאץ זאגט ער, איך ציטער אז מען וועט זאגן, עטץ וועטס קוקן אויף מיר און זאגן, ער האט אונז געזאגט מוסר?, דער מענטש האט אונז געזאגט אז מען זאל גוט זיין?, פאר דעם האט דער רבי ר' יונתן געציטערט, אבער, זאגט ער, קיין אנדערער זאגט נישט, וואס זאל איך טוהן, ווען איינער וואלט ווען געזען אז מען רויבט פון זיין חבר אוועק געלט, סוכ"ס איז ער אים א חבר, וואלט ער ווען א געוואלד געמאכט און געשריגן, ער וואלט ווען שוין עפעס געטאן, און אז מען רויבט אוועק א שטיק נשמה און מען שווייגט און מען רופט זיך נישט אן, עמיצער מוז דאך זיך אנרופן, מוז ער דאס זיין, אבער ער האט מורא פאר דעם און ער שעמט זיך מיט דעם, רעדט ער דארטן פארשידענע זאכן אין די דרשות, חסידות און יראת שמים יעדע דרשה איז אויסגעוויקט מיט אלעם, ער רעדט דארטן זאכן וואס לכאורה קען מען טראכטן היינט גייט דאך שוין דאס נישט אן, חתן כלה וויאזוי זיי דארפן זיך צופירן.

**היינט** פירט מען זיך שענער ווי צו די מענטשן וואס ער רעדט דארט, אבער ער רעדט דארט אין די דרשות פון מותרות, איבריגע זאכן, עס פארשטייט זיך אז דער מותרות פון דעמאלטס און היינט האט דאך נישט קיין דמיון, מען קען דאך דאס נישט צוגלייכן, היינט דער יצה"ר וועט זיך אלץ אן עצה געבן, ער האט גע'כשר'ט אלע מותרות זאכן אז זיי זענען וויכטיג, יעדע זאך וואס איז געווען מיט א פאר יאר צוריק מותרות איז דאס היינט א הכרח, איך דערמאן זיך נאך ווען מען האט א מלבוש געקויפט פאר א קינד איז די גאנצע משפחה גליקלעך געווען, זאגט ער אויף א פלאץ די ווערטער, העידה עלי שמים וארץ אז ווען איך טו אן א פעלטץ שעם איך מיך!, בגדי משי אויף שבת אולי קען איך נאך זאגן לכבוד שבת, אבער אזא פעלטץ אנצוטאן, א מענטש ווי איך וואס איז אזוי שמוציג מלא כתמים און איך טו מיך אן פונדרויסן אזוי שיין, דאס זענען ווערטער וואס ער זאגט, און ער איז געווען אויף א שיינעם געהאלט דער ר"ר יונתן, דאס איז געווען דעמאלטס א מותרות, מיר פארשטייען גארנישט די דיבורים, א ווארימער מלבוש איז אויך מותרות?...

**וועל** איך פארלערנען א שטיקל דרשה פון ר"ר יונתן, דא רעדט ער דעם ענין פון תפלה וויאזוי א איד דארף צו דאווענען, די דרשה איז פון יאר תק"ד ז' אב, זאגט ער אזוי, **וצריך האדם להיות חרד בתפלה ומפחד כי זה אשר נשאר לנו בגולה, ואין לנו עבודה וזהו עבודה, וכמה יש לאדם להתבונן בו ולעמוד בהכנעה יתירה ובכפיפות קומה, ומילין לצד עילאי ימלל בנחת ובכוונה, ואשרי למי שמתפלל בדמע בלב נשבר ונדכה כי לא ישוב ריקם, ועל מה נבטח בגולה ומה יגן בעדנו אם לא בתפלה ובקשה מקירות הלב.** א מענטש דארף צוגיין צום דאווענען מיט א ציטער און אן ערנסקייט ווייל דאס איז דאך וואס איז געבליבן מיט אונז אין גלות, קיין עבודת קרבנות האבן מיר נישט און די תפלה איז במקום עבודה, ממילא וויפיל דארף דער מענטש זיך מתבונן זיין איידער ער גייט דאווענען און ווען ער דאווענט, ער איז מקריב דעם קרבן וואס מען האט, דער מין קרבנות וואס מען פארמאגט בזמן הזה, ער דארף דעמאלטס שטיין מיט הכנעה נישט מיט די מידה פון גאוה דאס איין רעדן זיך.

**בכלל** איז דאס א שטות א מענטש וואס רעדט זיך עפעס איין אז אים קומט זיך עפעס, האט ער ווען איין זינד האט מען זיך דאך אויך נישט וואס איינצורעדן, און אודאי יעדער ווייסט דאך וואספארא פעקל מען האט, דארף מען צו שטיין מיט הכנעה פאר'ן רבוש"ע וואס ווייסט אלעם וואס ער זעט אלעם, ער רעדט ארויף צום אייבערשטן בנחת ובכוונה, און וואויל איז דעם מענטש וואס האט די זכי' צו דאווענען מיט טרערן, עס זאל זיך גיסן פון אים טרערן, אז די הארץ זאל זיין

צעבראכן און געדרוקט, אזא תפלה וועט נישט ליידיג צוריקומען, אויף וואס קען מען זיך דען פארזיכערן, נאר מיט דעם אז דער אייבערשטער וועט אונזערע תפילות אנעמען, עפעס אנדערש האבן מיר דאך נישט וואס צו פארקויפן, וואס קען שיצען אויף אונז ווען נישט תפלה און בקשה פון די טיפקייט פון הארץ.

**אוי לנו אשר נאמר (איכה ג מד) סכותה בענן לך מעבור תפלה, ומהו הענן, הוא אדים והבל שיש בו חטא היוצא מפי איש ואשה כל יום וביחוד שיחה בטלה בבית הכנסת ומכל שכן בעת התפלה, הכל הוא עולה בעב וענן ומונע לתפלה לעלות.** ווי איז צו אונז וואס דער אייבערשטער זאגט איך האב געמאכט א צודעק מיט א וואלקן איך לאז נישט אדורכגיין די תפלה, אן תפלה קענען מיר דאך אונז נישט עקזעסטירן ווער דען זאל אונז העלפן, און דו האסט א מחיצה געמאכט וואס לאזט נישט אדורכגיין די תפלה, און וואס איז די וואלקן וואס דעקט צו וואס לאזט נישט אונזערע תפלות אדורך, דער וואלקן מאכט זיך פון דעם הבל פונעם דיבור וואס עס גייט ארויס פונעם מויל וואס מען רעדט און כל שכן וואס מען רעדט אין שול וכ"ש בשעת דאווענען, חז"ל זאגן (חגיגה ה:) אפילו שיחה קלה שבין איש לאשתו מגידים לו לאדם בשעת הדין. די הייליגע תנאים די הייליגע אמוראים האבן קיין איין ווארט נישט געזאגט איבריג, אז זיי האבן דאס געזאגט איז דאס אמת וצדק, חלילה ווען א מענטש גלייבט נישט אין דעם איז ער נישט קיין מאמין ווי דער רמב"ם ברענגט (פיהמ"ש סנהדרין פ"י)

**א** כולל יונגערמאן האט די זכי' נאך ב"ה א סאך שעה'ן פון די אוצרות און די ווערטער צו טרינקען כביכול פון דעם אייבערשטן'ס תורה, נאר וואס דען, האט דען כח א בעה"ב וואס ער ארבעט איז דאך אים שווער, ווייניג צייט נעבעך וואס ער האט א פארבינדונג מיט'ן אייבערשטן צו האבן, ער ארבעט א גאנצען טאג און ער האט אינזינען ביזנעס א גאנצן טאג, איז ממילא אין א וואכן טאג כאפט מען נעבעך ארום דאווענען, מנחה איז בכלל אין גלות, אבער שבת וואלט א מענטש געקענט אביסעלע טראכטן פאר'ן דאווענען און זיך צוגרייטן פאר'ן דאווענען וכדו', עס איז פארט נאר איינמאל אין דער וואך, און וויפיל האט מען שוין דאס ביסל יארן וואס לויפן אדורך, נוצט דער יצה"ר אויך דאס אויס, אזא נארישער יצה"ר.

**עס** איז נישט צו פארשטיין וויאזוי ער זאל אזא כח האבן אויף אידישע קינדער און דערצו עס איז אזוי גרינג פארשידענע זאכן, סוכ"ס עס פעלט אסאך עבודת ה' מיט מסי"נ, ווען אן אנדערער מענטש וואלט איינעם דאס געטאן וואס מען טוט אליינס פאר'ן אייבערשטן וואלט מען ווען געווען אן אייביגער שונא, און דער יערות דבש זאגט מען מאכט אן ענן און עס לאזט נישט דורך די תפלה, יעדער איינער ווייסט וואס טוט זיך הן אין בריאות הגוף פרנסה און צער גידול בנים און פארשידענע זאכן וואס נאר דער אייבערשטער קען העלפן ווען מען בעט פון אים, און וואס טוהן מיר, מען מאכט א ענן וואס לאזט די תפלה נישט ארויפגיין און מיר טוהן גארנישט דעם ענן אוועקצופירן, און דאס לאזט נישט די תפלה ווייטער גיין נאר זיי הענגען אין די לופט'ן.

**אך אם אדם מתפלל אחר כך בכוונה ובבכי ודמעה, מעלה כל תפלות מכמה שנים אשר סביב נקבצו לו כי נשארו עומדים ברפיון בלי עליה, וכעת על ידי תפלה זו הם עולים במעלה בית אל.** אמאל ווען עס קומט א צייט ווען דער מענטש צעוויינט זיך אביסל, מען איז דאך אזא רחמנות אז מען מעג וויינען, מען וועט זיך אזוי שעמען מיט זיך, מען האט דאך אויף וואס צו וויינען, דעמאלטס ווען מען וויינט שלעפט דאס ארויף די תפלות, די תפלות זענען נישט פארלוירן געגאנגען, אין די תפלת זכה איז מען דאך מתפלל אויף דעם אז די אלע תפלות פון א גאנץ יאר וואס מען האט מתפלל געווען שלא בכוונה זאלן נתעלה ווערן מיט די תפלות וואס מען בעט אין די הייליגע טעג, איז דאך דא א תקנה פאר די תפלות אז זיי זאלן נישט פארלוירן גיין.

**אבל המוציאים מפיהם ניבול פה רח"ל שבועת שוה ומסירת ממון של ישראל, אין התפלה נעכבת כי אם הולך יהלך תיכף לסטרא אחרא ר"ל וכאילו זבח לשעירים, ואם יבכה אחר כך וירבה בתפלה קשה להציל בולעם, ועל זה נאמר (קהלת ד א) ראיתי דמעת עשוקים ואין להם מנחם.** עס איז אמאל דא אזעלכע תפלות וואס זיי הענגען נישט סתם אין די לופט און ווארטן ביז עס קומט א תפלה מיט דמעות, תפלות וואס קומט פון א מויל וואס איז נישט ריין, די תפלות כאפט מען באלד אוועק, ממש מען געבט דאס אריין ר"ל אין די הענט פון סטרא אחרא, א מויל וואס רעדט ניבול פה א מויל וואס זינדיגט וואס איז מלבין פני חבירו ברבים וכדו', איז דאך דאס מויל נישט אנדערש פון א כלי שרת וואס איז נפסל געווארן, יום כיפור אז דער כהן גדול גייט אריין מיט דעם איז די גאנצע עבודה פסול ווייל דער כלי שרת איז פסול.

**אמאל** איז געווען איינער א מזרחי ער האט געזאגט א דרשה, ער האט געהייסן א למדן בדורו, איז רבי חיים בריסקער זצ"ל אויך דעמאלטס דארט געווען, ער האט אים געטראפן אין דער גאס האט ער אים געזאגט, בריסקער רב איך וויל אייך עפעס פרעגן, איך פארשטיי אז איר האלט אסאך אנדערש פון מיר און אוודאי איך קען אייך נישט איבערצייגן וכדו', אבער צו קענט איר מיר אויפווייזן צי איך האב עפעס געזאגט צי איך טו עפעס וואס איז נישט מותר אדער נישט ערליך איר קענט עפעס ווייזן, האט ר' חיים בריסקער אים געזאגט, איך וועל אייך עפעס פרעגן, קענט איר מיר זאגן אזא מציאות אז מען קויפט פלייש וואס איז גע'שחט'ן און געזאלצן מנקר געווען פון א שוחט א ירא שמים און אלעס איז געטאן ווי מען דארף, מהדרין דמהדרין, און מען קאכט דאס אפ און עס איז חזיר טריפה, קענט איר מיר זאגן אזא מציאות, איך וועל אייך זאגן, אז עס איז געקאכט אין א טריפה'נע טאפ!, וואס איר רעדט איז געקאכט אין א טריפה'נע טאפ, ממילא מעג עס זיין ווי גוט און ווי פיין עס איז געקאכט אין א טריפה'נע טאפ. לאמיר זיך אליין דן זיין לכף זכות אז מיר באלאנגען נישט צו דעם, אבער מען קען דאך נישט לייקענען אז עס איז פארהאנען אז מען זינדיגט און מען דאווענט, ווי גרויס איז די טעות ווי גרויס איז די רחמנות.

**עס** איז דאך א לאנד וואס איז פול מיט שמוצקייט, אודאי עס גייט אדורך א זומער וואס קען מען טוהן עס איז דא קליינע קינדערלעך מען קען דאך נישט אין שטאט בלייבן מען מוז אוועקפארן, אבער א יונגערמאן צו בלייבן א גאנצע וואך אליין, ער ארבעט ער גייט ארום מען מוז פארן מען מוז ארבעטן, אבער מען דארף דאך לוחם זיין מיט א יצה"ר, מען דארף דאך זיך אזוי שטארק אפהיטן, דער יצה"ר בלייבט נישט שטיין ווייל ער זעט א בארד ווייל ער זעט א שטריימל ווייל ער זעט א בעקיטשע צו ווייל ער זעט פיאות, ער קען מיט די שמוציקסטע זאכן אריינכאפן, דארף מען דאך אזוי שטארק בעטן אזויפיל זכות דארף מען דאך צו האבן.

און ער ענדיגט צו, **בני ואחי, נא הקיצו משינתכם האולת ואל תבלו את הזמן בהבלי העולם ושיחה בטלה ובסיפורי דברים בעניני מלחמות מי ינצח ומי ינוצח ולראות דברים ולטייל, כל הדברים האלה זה שייך לאנשים מסוג אחר, אבל לא ליהודי שיצטרך לתת על זה דין וחשבון, איך מותר לנו לאבד זמן בדיבורי ההבל האלו וכו׳, לכן הטיבו את דרכיכם עם בינות וחוסו על העדר הזמן שנאבד כי אין יקר בנבראים כמו הזמן וכו׳. עכ"ד הרר"י.**

צום הייליגן חוזה פון לובלין זצ"ל איז אמאל געקומען דער רבי ר׳ יצחק מווארקע זצ"ל, ער איז געווען א גביר׳ש אידעם, ער איז געווען א קעסט יונגערמאן, איז ער אריין צום חוזה, האט אים דער חוזה געזאגט, אויב עס וועט זיך דיר טרעפן א מלומדות פאסטן זאלסטו עס אננעמען. ער האט זיך גע׳חידוש׳ט, ער דארף א מלמד זיין? ווען ער איז ארויסגעגאנגען איז תיכף אריינגעגאנגען צום חוזה א דארפס איד, און ער האט זיך זייער מתנצל געווען אז ער האט צוויי קינדער און זיי זענען גארנישט מצליח אין לערנען, האט ער אים געזאגט, אויב דו קענסט באקומען דעם יונגערמאן וואס איז יעצט ארויסגעגאנגען פון דא פאר א מלמד, זאלסטו אים נעמען. איז ער צוגעגאנגען צו דעם יונגערמאן און ער האט אים געזאגט, דער רבי האט מיר געזאגט אז איך זאל דיך נעמען פאר א מלמד. האט דער ר׳ יצחק׳ל פארשטאנען אז דאס איז נישט קיין טעות, און קיין שאלות האט ער דאך נישט געפרעגט, אז דער רבי האט געהייסן האט ער אנגענומען דאס מלומדות. און ער האט געשריבן פאר זיין ווייב אז דער רבי האט אים געהייסן זיין א מלמד און ער דארף פארן צום דארף. האט זי אים געענטפערט אין א בריוו, דו האסט זייער גוט געטוהן, ווייל עס איז געווען א פאגראם אין דער שטאט און מען האט חרוב געמאכט די גאנצע שטאט און אונז זענען געבליבן בחוסר לחם, און אזוי וועסטו כאטש עפעס פארדינען.

דער רבי ר׳ יצחק׳ל האט זיך געזעצט לערנען מיט די צוויי קינדער און עס איז טאקע גארנישט געגאנגען, ער האט נישט געקענט מצליח זיין. איז ער געפארן צום חוזה און ער האט אים געזאגט, ער לערנט מיט זיי און עס גייט גארנישט אריין אין זיי, האט דער לובלינער געזאגט, בעט פאר זיי! האט ער אנגעהויבן צו בעטן און עס האט זיך טאקע אויפגעמאכט פאר זיי די קעפ און זיי האבן מצליח געווען. ער האט געלערנט מיט זיי עטליכע יאר, האט דער דארפס איד געבעטן אז ער זאל ווייטער דארט בלייבן לערנען, האט ער געזאגט, איך וועל פרעגן דעם רבי׳ן. איז ער געפארן צום רבי׳ן, האט דער רבי אים געזאגט, דו ביסטו דאך א נגיד׳ישער יונגערמאן פארוואס דארפסטו זיין א מלמד? אינדערצווישן איז געקומען א בריוו פון דערהיים אז די רעגירונג האט אויסגעצאלט די שאדן וואס מען האט געהאט ביי די פאגראם. דאס אלעס איז דאך הימל׳ישע זאכן. על כל פנים, ער האט געמוזט קומען דארטן ווייל עס האט אויסגעפעלט אביסל צו בעטן. דער רבי ר׳ יצחק׳ל איז געווען א גרויסער למדן עס האט געפעלט ער זאל בעטן אז זיי זאלן קענען מצליח זיין. זעט אויס אז מיט אלעמען דארף מען דאך בעטן.

ווי קען א צווייטער אזוי ערנסט בעטן ווי מען קען פאר זיך אליין, יפה תפלת החולה לעצמו יותר מכל (ב"ר פנ"ג סי"ד). עס איז דאך א ענין פון חולי הנפש, מען איז דאך קראנק אויף דעם. דארף מען דאך בעטן פאר דעם רבון כל העולמים, ער ווייסט דאך ווי ווייניג מען האט א חלק אין די תורה און וויפיל פעקלעך מען האט שוין אויף זיך, מען האט געטוהן וואס מען האט נישט געדארפט צו טוהן, מען האט געטוהן אזעלכע זאכן וואס זענען מונע די תפלה, אזויווי מען זעט אין רמב"ם (הל׳ תפלה פ"ד ה"א) די חמשה דברים המעכבים את התפלה, וועט מען זען אז מען האט א חלק כמעט אין יעדע איינע פון די זאכן, אז מען האט אזויפיל עיכובים דארף מען זיך מתאמץ זיין. בעט איך ענק, יעדע זאך דארף דאך א פראפאגאנדע האבן, מאכט א שטיקל רעש אין דעם אז מען זאל זיך נעמען דאווענען. און דאווענען איז טייטש, שחרית, מנחה, מעריב, יעדע תפלה האט א באזונדער חשיבות. דער אייבערשטער זאל העלפן, אז מען וועט דאווענען ערליך וועלן די תפלות נתקבל ווערן און מען וועט מצליח זיין אין אנדערע זאכן אויך.

## בענין לימוד התורה

**דער** ב"ח איז דאך א פוסק, אין אורח חיים סימן מ"ז שטעלט ער אראפ וויאזוי עס דארף אויסצוזעהן דאס לערנען תורה, דער טור ברענגט דארטן צו די גמרא אין נדרים (דף פא.) מפני מה תלמידי חכמים אין מצויין לצאת מבניהם תלמידי חכמים, רבינא אמר מפני שאין מברכין בתורה תחלה, און א ראיה אויף די הארבקייט דערפון - זאגט די גמרא - איז פון דעם אז אויך דער חורבן ארץ ישראל איז געקומען צוליב די סיבה.

**זאגט** אויף דעם דער ב"ח אזוי, **ואיכא לתמוה טובא למה יצא כזאת מלפניו להענישם בעונש גדול ורם כזה על שלא ברכו בתורה תחלה שהוא לכאורה עבירה קלה**, לכאורה בעצם איז דאך דאס נישט קיין גרויסע עבירה, געלערנט האט מען דאך, ווייל שלא ברכו בתורה תחלה וועגן דעם מוז קומען א חורבן? אזוי פרעגט דער ב"ח. ענטפערט ער, **ונראה דכוונתו יתברך מעולם היתה שנהיה עוסקים בתורה כדי שתתעצם נשמתינו בעצמות ורוחניות וקדושת מקור מוצא התורה**, דאס וואס דער אייבערשטער האט געגעבן די תורה איז נישט סתם אויף צו לערנען, נאר אז מען זאל זיך מתדבק זיין אין דעם עצמיות און די הייליגקייט פון תורה, מען זאל ווערן א שטיקעלע אזוי ווי די תורה אליין, א מרכבה צו די קדושה זאל מען ווערן. זאגט דער ב"ח ווייטער - אינטערעסאנט אין יעדן חסידיש ספר שטייט אזוי - **ולכן נתן הקב"ה תורת אמת לישראל במתנה שלא תשתכח מאתנו, כדי שתתדבק נשמתינו וגופינו ברמ"ח איברים ושס"ה גידין ברמ"ח מצוות עשה ושס"ה לא תעשה שבתורה**, דער אייבערשטער האט אונז געגעבן די תורה אז עס זאל קיינמאל נישט פארגעסן ווערן, און אז יעדע שטיקעלע תורה זאל זיך מתדבק זיין צו יעדע שטיקעלע גוף וואס איז פארהאנען אין דעם מענטש, אז עס זאל איינס ווערן מיט די תורה.

**ואם היו עוסקים בתורה על הכוונה הזאת היו המה מרכבה והיכל לשכינתו יתברך**, ווען מען וואלט ווען געלערנט די תורה אויף די כוונה וואס דער אייבערשטער געגעבן פאר די אידן, וואלטן זיי געווארן א מרכבה פאר די שכינה הקדושה, **שהיתה השכינה ממש בקרבם כי היכל ה׳ המה ובקרבם ממש היתה מאירה מכבודו, ובזה יהיה קישור לפמליא של מעלה עם פמליא של מטה והיה המשכן אחד**, די שכינה וואלט געווען אין זיי, ווייל אין זיי איז דא תורה, און תורה מיינט שכינה, עס איז צירופי שמות פונעם אייבערשטען אין יעדע שטיקעלע תורה, אזוי וואלט געווען ווען מען וואלט געלערנט די תורה אזוי ווי דער אייבערשטער האט געוואלט מען זאל לערנען תורה.

**אבל עתה שעברו חוק זה**, אבער אז אידן האבן נישט אזוי געטון, **שלא עסקו בתורה כי אם לצורך הדברים הגשמיים להנאתם**, אז זיי האבן נאר געלערנט תורה לצורך דברים הגשמיים, **לידע הדינים לצורך משא ומתן**, צו וויסן די דינים לצורך משא ומתן. א חידוש זאגט דא דער ב"ח, לכאורה דאס איז דאך איינע פון די יסודות, צו לערנען אויף צו וויסן וואס צו טוהן, נאר וואס דען, אוודאי דארף מען אויף צו טוהן צו זיין אן ערליכע איד, אבער צו טון אז עס זאל זיין צוזאמען מיט גאוה וכדומה, דאס איז אוודאי נישט דער יסוד. און דאס זאגט ער ווייטער, ער נעמט דאס צוזאמען, **גם להתגאות להראות חכמתם**, אויף דעם האבן זיי געלערנט, **ולא נתכוונו להתעצם ולהתדבק בקדושת ורוחניות התורה ולהמשיך השכינה למטה בארץ כדי שתעלה נשמתם למדרגה גדולה אחרי מיתתם**, זיי האבן גארנישט אינזין געהאט ביים לערנען אז זיי זאלן ווערן א חלק פון די תורה, אז עס זאל בלייבן אויף שפעטער ווען דער גוף וועט זיך שוין אויסלאזן, אז עס זאל בלייבן פון זייער תורה עפעס, דאס האבן אידן נישט געטון. **הנה בזה עשו פירוד**

**שנסתלקה השכינה מן הארץ ועלתה לה למעלה,** מיט אזא תורה האט די שכינה נישט צו טון, די שכינה איז ארויפגעגאנגען למעלה מן הארץ, **והארץ נשארה בגשמיותה בלי קדושה וזה היה גורם חורבנה ואבידתה וכו׳,** פחד׳דיגע זאכן, אותיות פורחות באויר, א גמרא א ש"ס א טור און זייער גלייכן, דאס איז אלעס נאר דער חלק הגשמי דערפון, דער חלק הרוחני אבער אז מען האט נישט געהאט קיין שייכות דערמיט, האט מען געקענט איין רגע לערנען, און אין די צווייטע רגע האט מען געקענט זיין א פראסטער מענטש, וואס דער מויל רעדט וואס מען דארף נישט, און די הענט טוט וואס מען דארף נישט, און די אויגן זעען וואס מען דארף נישט, דאס איז נישט די תורה וואס דער אייבערשטער האט געגעבן.

**ויאמר ה׳ על עזבם את תורתי אשר נתתי לפניהם וכו׳ ולא הלכו בה וכו׳, עיי"ש.** את תורתי, מיין תורה האבן זיי נישט געלערנט, זיי האבן געלערנט עפעס א תורה וואס עס שטייט עפעס אותיות דערינען, אבער זיי האבן נישט מיט דעם קיין שייכות געהאט צום אייבערשטען, ולא הלכו בה, ווען מען לערנט די תורה אויף דעם אופן, גייט מען שטענדיג מיט די תורה, ווען מען קומט צו א גשמיות׳דיגע זאך וואס עס איז דא דערין אן הנאה גייט אלעס מיט די תורה צוזאמען, אבער טאמער איז נישט אזוי, איז עס א דבר נפרד, מען האט געלערנט די תורה, און איין רגע שפעטער איז מען א מלבין פני חבירו ברבים וכדומה, ווייל דאס איז נאר אויף דער ערד האט מען די תורה קונה געווען, גארנישט קיין עצם התורה.

**און** איך מיין אז עס נעמט זיך ווען מען טראכט גארנישט. אז דער מויל איז משועבד צו לשה"ר צו ליצנות איז דאס ממילא משפיע אויך אויפן מוח, אפילו אויף א קלוגער מענטש, ווען ער וואלט גענומען צייט אריין צו טראכטן, טראכטן וואס איז מיט אים? איך לערן די גמרא און איך בין מיך מייגע צו פארשטיין דעם דעת הראשונים צי פון א קדמון צי פון א אחרון, און א רגע בעפאר האב איך געמאכט ליצנות פון א צווייטן מענטש, און שוין בין איך פארטיג און איך לערן שוין די גמרא ווייטער וכדומה. איז דאס תורה? איז דאס די תורה וואס טוט מגין זיין פונעם יצה"ר?

**יעדעס** ווארט וואס דער ב"ח ברענגט דא איז הייליג מלא קדושה, און אין שולחן ערוך זאגט ער נישט סתם מוסר, ער זאגט להלכה וויאזוי מען דארף צוגיין צו תורה.

**דער** ר"ן דארט אין נדרים (ד"ה דבר זה) ברענגט פשט בשם רבינו יונה אויף דעם שלא ברכו בתורה תחלה, וועגן דעם איז זיך זיי געקומען אזא עונש? נאר וואס דען זאגט ער, אז די תורה איז נישט געווען חשוב ביי זיי אין די אויגן, און צוליב דעם האבן זיי מזלזל געווען אין די ברכה, עס איז נישט געווען ביי זיי גענוג ראוי צו מאכן א ברכה אויף דעם. און דאס איז פשט וואס די גמרא ברענגט דארט פונעם פסוק, אז מען האט געפרעגט די חכמים און די נביאים און זיי האבן נישט געוואוסט צו ענטפערן על מה אבדה הארץ, ביז מען האט געפרעגט דעם אייבערשטען האט דער אייבערשטער געזאגט על עזבם את תורתי, און מען קען דאך נישט זאגן כפשוטו אז זיי האבן נישט געלערנט, ווייל אלמלי וואלטן זיי נישט געלערנט וואלטן דאך דאס אנדערע אויך געוואוסט, אלא מאי מוז זיין דאס חשיבות, עס איז נישט חשוב געווען ביי זיי, און דאס האט דאך נאר דער אייבערשטער אליין געוואוסט.

**זעט** מען דאך אז דער ענין פון מחשיב זיין די תורה הק׳ איז גאר א שטארקער יסוד, לעולם איז דאך דער גאנצער לעבן געבויעט אויף אן ענין פון רוב און חזקה, ר׳ מיכאל בער זצ"ל פלעגט נאכצוזאגן אויף דעם ענין וואס מען טרעפט אין חז"ל (עי׳ תוס׳ חולין ט: ד"ה התם) אז ווען עס איז דא רגלים לדבר איז איתרע לה חזקה, ווייל בעצם ווען מען זאל נישט גיין בתר חזקה, וואלט מען קיין רגע קיין זאך נישט געוואוסט בבירור וואס דאס איז אצינד, אינדרויסן איז ווייס איך דארט געווען א בוים, אפשר שטייט יעצט נישט דער בוים, א רגע פריער איז ער געווען, און אפשר יעצט איז עס שוין נישט, יעדע זאך וואלט געווען אוועקגעלאפן, זאגט ער, עס וואלט פיס באקומען און אוועקגעלאפן, דאס איז רגלים לדבר, עס וואלט נישט געווען קיין חזקה, אזוי ווי אלעס הייבט אן צו לויפן. למשל אז א איד זאל פרעגן א גוי, פונוואנעט ווייסטו אז מארגן וועט אויפשיינען די זון? ענטפערט ער וואס הייסט דאס, נעכטן און אייער נעכטן א יאר צוריק און פאר פינף יאר צוריק האט עס אויפגעשיינט, מארגן וועט אויך זיין. איי עס איז דאך נישט קיין ראיה, אפשר אלעמאל איז געווען און מארגן וועט עס נישט זיין, נאר וואס דען, מען גייט נאך רוב און חזקה. גראדע ביי דעם ענין זאגט דער חפץ חיים זצ"ל דארף א איד נישט צוקומען צו רוב און חזקה, עס איז נישט קיין ספק ביי אים, א איד ווייסט עס שטייט אין פסוק (בראשית ח כב) יום ולילה לא ישבותו, די תורה זאגט אזוי, עס איז קלאר ביי אים.

**קען** מען דאך לכאורה זאגן, למשל עס קומט סוף יאר חודש אלול, אדער ביי בחורים עס קומט סוף יאר די חזרה, ער ווייסט דאך אז רוב זמן האט ער נישט אזוי געלערנט, אדער רוב חזרות האט ער נאכנישט עפעס אזוי פארשטאנען אויסצונוצן יעדע רגע פון דעם, און מסתמא וועט עס ווייטער גיין בתר רוב, רוב און חזקה איז דאך א תורה׳דיגע זאך וואס איז מכריע אן הלכה. דארטן אבער דארף מען צו וויסן מחשיב צו זיין די תורה הק׳, דאס חשיבות פון יעדעס ביסל.

**אזוי** מען קען זעהן פונעם יו"ט חנוכה א שטיקל ביישפיל, עס איז דאך ידוע פון די ספרים הקדושים אז חנוכה לייכט דער אור הגנוז פון די תורה, אונז זעהן מיר דאס נישט ווייל אונזערע אויגן זענען נישט אפן, אבער קוקטס נאר וואס מען האט געמאכט מיט דאס ביסעלע שמן, וויפיל תורה און קדושה האט מען געמאכט דערפון אויף דורי דורות. איז עכ"פ וויכטיג צו פארשטיין דאס חשיבות פון תורה, און א דבר חשוב ווערט נישט בטל ברוב, ממילא איז עס נישט באוויזן אז דאס דארף אזוי צו זיין, און אז עס וועט אזוי זיין. ער איז יעצט עלטער געווארן, איך האב טאקע פארברענגט, איך האב טאקע נישט אזוי געלערנט ווי עס דארף צו זיין, און יעצט הייבט ער אן צו חזר׳ן.

**וויפיל** מענטשן אויף די וועלט האבן דען די זכיה ברבים זיך נעמען אן ענין איבער׳חזר׳ן, געציילטע מענטשן, א מענטש א סוחר ווען ער קען נאר לערנען אביסל, איז ער שוין צופרידן. איז דאך אוודאי דער ענין פון חזרה ספעציעל א דבר חשוב אין הימל. אזוי ווי אין שטאט פאפא איז געווען אמאל א מגיד וואס ער פלעגט פארלערנען חומש רש"י פרייטאג צו נאכטס נאכ׳ן דאווענען, האט ער פארגעלערנט איידער מען איז געגאנגען עסן. האט מען אים געפרעגט פארוואס ער לערנט דייקא יעצט, האט ער געזאגט, לעולם מיין לערנען האט דאך נישט קיין גרויס חשיבות, זאגט ער, וויפיל לומדים זענען דא וואס זיי לערנען אין די צייט, ווען איך לערן אן אנדערע צייט דערקענט זיך דאס נישט, יעצט ווען דער עולם עסט חלה און פיש וכדומה, אה, קומט אין די צייט ארויף פאר׳ן אייבערשטען א שטיקל חומש רש"י, נו, וועט דאס האבן א שטיקל חשיבות.

**בדרך** דרוש קען מען מוסיף זיין איבער דעם, אז הגם אפשר קען מען קלערן זאל מען יא גיין נאך רוב, ווייל סוף כל סוף שוואכע תורה לערנען איז אפשר אויך אין גדר פון א דבר חשוב, אזוי ווי רבי יוסף ענגל זצ"ל ברענגט אין בית האוצר, ער פרעגט א קשיא, עס איז אים א חידוש זאגט ער, ממילא א חתיכה הראויה להתכבד ווערט נישט בטל ווייל עס איז א דבר חשוב, דאס פארשטייט ער גאנץ גוט ווען א חתיכה הראויה להתכבד זאל זיך מתערב זיין מיט אנדערע חתיכות וואס יענע זענען נישט ראויה להתכבד, ממילא איז דאס חשוב׳ער, אבער ווען די חתיכה פארמישט זיך מיט אנדערע חתיכות וואס זענען אויך ראויה להתכבד, פארוואס זאל עס נישט בטל ווערן. זאגט ער ניין, דאס איז א עצם חשיבות, א גביר צווישן גבירים איז אויך א דבר חשוב, נישט פארדעם ווייל אנדערע מענטשן זענען ארימעלייט איז ער אנדערש, עס איז אן עצם חשיבות.

**עכ"פ** אז מען זעצט זיך א רבים לערנען חזרה, איז עס דאך ספעציעל גאר א חשוב׳ע זאך אין הימל, אזוי דארף מען צו טראכטן, און פאר יעדן יחיד באזונדער איז דאס גאר א חשוב׳ע זאך דארף מען צו גלייבן, מען קען ממש מיט איין חזרה וואס מען האט זיך גענומען גאר אסאך פארדינען, אז מען האט זיך מיישב געווען און נישט נאריש געמאכט, און ווען מען באלייגט זיך אזוי זעט מען אנדערע בחורים וכדומה וואס האבן נישט אזוי אויסגענוצט די צייט, אדער אויף זיין אייגענעם עבר אליין, זעט מען און מען טראכט אריין, וואס וועל איך פון דעם האבן, עס וועט דאך מיר מוסיף זיין עגמת נפש און עגמת נפש, עס וועט דאך מיר באנק טון, איך וועל נישט קענען קיין תורה, איך וועל מיר נישט געפונען דאס פלאץ, איך קען נישט האבן אזוי קיין קיום, דאס וועט מיר נישט ברענגען צו קיין ערליכקייט, איך וויל דאך ערליך זיין, אז איך וועל נישט קענען קיין תורה, איז אויב מים אין בו אבל נחשים ועקרבים יש בו, וועל איך דאך פיל מיט עגמת נפש האבן, און איך בין דאך פארט נאך יונג, מען האט די מעגליכקייט, איך וועל מיך נעמען יעצט זיך פירן ערליך אויסנוצן די צייט, ממש נישט מפסיק זיין, גאר אפילו אנדערש ווי איך האב געלערנט דעם גאנצן זמן.

**אבער** דער עיקר דארף מען געדענקען צו לערנען ווי דער ב"ח זאגט, אביסל פאר׳ן אייבערשטען מיט אביסל פנימיות, אוודאי דער ב"ח רעדט לפי מדרגתו, אבער לויט אונזער פארשטאנד וואס אונז פארשטיי מיר דאס אפטייטש פון ערליך, וואס אונז פארשטיי מיר אפגעהיטן, דאס מוז צוזאמען גיין מיט תורה, עס קען נישט גיין צוזאמען אז מען לערנט און א רגע שפעטער איז מען נישט קיין אנשטענדיגער מענטש, הן ביי דיני ממונות און הן בין אדם לחבירו צו בין אדם למקום וכדומה, אין דער צייט מעג מען דאך מער מדקדק זיין הן אויף תפלה און הן אויף אלע זמנים, דאס איז א חזרה פון תשובה מען טוהט מתקן

זיין, מען טוהט חוזר זיין, מען וויל בעסער מאכן ווי עס איז געווען. אבער סתם וואס עס הייסט סתם געלערנט און עס איז נישט ערליך, זאגט דער ב"ח האט נישט קיין שייכות צום עצם התורה.

**אבער** דער וואס לערנט און ער האט בטחון צום אייבערשטן אז אפילו ביז יעצט איז עס נישט געגאנגען אזוי גוט, האט ער בטחון אז עס איז נישט די זעלבע ווי עס רוב מאל געווען, נאר עס וועט זיין אנדערש, עס איז א דבר חשוב און עס ווערט נישט בטל ברוב, זאלסטו וויסן אז אים העלפט דער אייבערשטער, פאר אים מאכט דער אייבערשטער אן עקסטערע חתירה מתחת כסא הכבוד, אז די אויגן און די מויל וכדומה וואס שלעפן אים צו שלעכטן חלילה, האבן נישט מער קיין שליטה אויף אים, ווייל די כח התורה איז א שטארקער כח, תורה מגנא ומצלא, בראתי יצה"ר בראתי לו תורה תבלין, דער כח התורה איז מגין אויף אזא איינעם.

**און** איך פארשטיי דער בעל דבר ציטערט פאר דעם, ווען א בחור וועט ערליכער ווערן און בעסער ווערן, האט ער מורא פאר דעם, וועט ער שוין מאכן, דעם וועט פעלן א חבר, און דעם וועט פעלן א בלאט אין די גמרא, און פארשידענע זאכן, דער האט עפעס א שמחה געהאט וכדומה. נאר א כלל קען מען זאגן, דער כלל איז אז א בחור וויל לערנען העלפט מען אים פון הימל צו ער זאל קענען לערנען, אז ער וויל זיין ערליך העלפט מען אים פון הימל ער זאל קענען זיין ערליך, אין הקב"ה בא בטרוניא עם בריותיו, טאמער גייט עס נישט האט ער נאכנישט געטון וואס מען דארף צו טון.

**עס** איז דא זאכן וואס דער מענטש ווייסט אז דאס איז א מצוה און פארקערט איז באמת אן עבירה, אבער למעשה דאכט זיך אים אויס מיט כמה סברות פונעם יצה"ר אז עס איז נישט קיין עבירה, אויף דעם אופן איז עס נישט קיין עבירה וכדו', למשל אזא ענין ווי ביטול תורה, די גמ' (יומא יט:) זאגט, ודברת בם ולא בדברים בטלים. נו, מען רעדט דאך צו מאמינים בני מאמינים, איז דאך דער טייטש אז ער רעדט דברים בטלים גייט ער בשאט נפש עובר זיין די עשה, איז אויב האט דער יצה"ר צוטאן מיט א בר דעת טוט ער אים איינרעדן אויף אן אופן אז עס איז נישט קיין דברים בטלים, דאס דארף מען צו רעדן דאס דארף מען שמועסן וכדו'. האט ער צוטאן מיט א נאריש יונגל, זאגט ער אים טראכט נישט אזויפיל, גיי שמועס, ער ברויך גארנישט קיין טענה קעגן דעם זאגן, עס איז נישט געפערליך, ווען מען וועט אויף אלע אנדערע עבירות תשובה טאן וועט מען די עבירה'לעך שוין אויך אזוי אריינרוקן.

**נאר** וואס דען, דער חפץ חיים זצ"ל פלעגט צו זאגן אז אמאל האט איינער באנקראטירט מיט א גרויסע סומע געלט, ער איז שולדיג געווען הונדערט טויזענט רובל און פאר אפאר מענטשן איז ער שולדיג געווען קליין געלט פינף רובל צוויי רובל, ווען ער האט באנקראטירט און עפעס איז נאך געווען צו כאפן איז יעדער געקומען צו לויפן, זענען די קליינע בעלי חובות אויך געקומען, האבן מענטשן זיך אויפגערעגט, וואס קומט עטץ צו לויפן, דער איז שולדיג הונדערט טויזענט וואס קומט עטץ וועגן די פינף רובל, האבן זיי געזאגט, נו, אמת ער איז טאקע שולדיג הונדערט טויזענט, אבער וועגן דעם ווערן אונזערע פינף רובל נישט אויס געלט, זאגט ער, אז מען וועט אויבן מאכן א חשבון, אוודאי וועט מען זאגן ער האט פעקלעך חבילות עבירות, אבער פונדעסטוועגן מיינסטו דער אז וועגן דעם וועט מען די טלטול מוקצה אוועקשטעלן צי חלילה אנדערע זאכן וואס עס דאכט זיך פארן מענטש אז עס איז גרינג, פון יעדע פיצעלע פארגעסט זיך נישט און האט א באזונדערן חשבון.

**עכ"פ** דארף דאך דער מענטש זיין א בעל חשבון, עפעס טראכטן, מען קען זיך דאך היינט נישט פארשטעלן אזעלכע אידן ווי דער רשב"א דער רמב"ן וכדו', ווי זיי האבן זיך געפלאגט מיט אזא מין יגיעה אויף צו פארשטיין תורה, וויפיל האבן זיי געבעטן דעם רבוש"ע, אין דעם היינטיגן מח פונעם היינטיגן זמן דארף מען דאך אויף דעם סייעתא דשמיא און אזויפיל יגיעה, וויאזוי איז דאס מעגליך א בחור אין די ישיבה ער קומט לערנען און ער ווייסט עס איז דא אזויפיל צו לערנען, וואס איז דער חשבון ווי אזוי ער פארברענגט און ער לערנט אביסל וכו', נאר דער חשבון איז, אין א געוויסן חלק פון די יארן איז דער חשבון 'אביסל שפעטער', יעצט איז מען נאך יונג, אביסל שפעטער וועל איך טוהן, מען קען דאך נישט אזוי, קען מען דען א גאנצן צייט לערנען, מען מוז דאך אביסל זיך אפרוהען און פארשידענס. דער חשבון איז אבער א טעות, קודם כל עס איז שוין יעצט שפעט, עס איז שוין גענוג שפעט, מען האט שוין אסאך אסאך פארלוירן.

**צווייטנ'ס**, וואס שפעטער ווערט שווערער, אז נאך א חודש נאך א וואך איז דורכגעגאנגען וואס מען האט נישט די קבלת עול פון תורה און מצות גענומען אויף זיך ווערט עס אלץ שווערער, ווייל מען האט נאך א וואך וואס מען האט געזינדיגט וואס דער יצה"ר האט דורך דעם א שליטה באקומען אויפן מענטש און מען האט נישט די תכסוסי מלחמה אויף ווייטער, אז מען האט זיך נישט געפלאגט קיינמאל אויף ערליכער תורה, מען האט נישט קיין הבנה און קיין יגיעה אין די תורה, ממילא העלפט מען נישט צו פון הימל וויפיל מען דארף לויט דער ערך וואס דער מענטש טוט זיך פלאגן, און אזוי לעבט מען אדורך און מען זינדיגט און מען ווערט זינדיגער, ממילא איז דאס נישט שייך צו זאגן, און חלילה וחלילה עס קען קומען צו אזא מצב אז מען חשבון'ט שוין מער נישט, מען טראכט שוין מער נישט, מען לעבט ממש כמעשה בהמה, מען קומט און מען גייט אן קיין חשבון.

**און** אז מען לערנט תורה דארף מען זיך מייגע זיין אויפ'ן לערנען, וואס הייסט מייגע זיין, דער רבוש"ע האט דאך רחמנות געהאט אויף אזא שוואכע דור האט ער די פיזישע יגיעות אוועקגענומען, מען דארף נישט אזויווי אינדערהיים אין די פריערדיגע צייטן, דעם ב"ח האט מען געוואלט אוועקטרייבן דארט אין בעלזא ווי ער איז געווען רב ווייל מען האט בייטאכט געזוכט ליכט און מען האט נישט געפינען, האט מען געמיינט ביים רב וועט זיין, דערווייל איז פינסטער געווען, און אפילו ער האט געזאגט אז ער האט נישט געהאט ער האט געלערנט אויסעווייניג האט עס אבער נישט געהאלפן, אויף אזא אופן האט מען אמאל געלערנט תורה, און שפעטער רוב גדולים זענען דאך נאר געווען געציילטע וואס איז געווען ביי זיי תורה וגדולה במקום אחד, דער אייבערשטער האט געזען די דורות זענען שוואך ובפרט דער לעצטער דור האט מען ממש אלע פיזישע נסיונות אוועקגענומען, מען גיט צו עסן מען גיט צו שלאפן וכו'.

**די** יגיעה בתורה דאס איז דער נסיון, א סוחר ווען ער קומט אהיים און ער לייגט זיך אין בעט ער וויל מיט געוואלד אוועקלייגן די מחשבות פון די ביזנעס ער וויל זיך אויסרוען וכדו', און ער טראכט פארט אריין צי ער האט גוט געטאן, נשאת ונתת באמונה, צי ער טראכט ווי אזוי ער וועט מארגן טוהן. לייגט זיך דער בחור אין בעט אריין און ער טראכט זיך ער האט נישט פארשטאנען דעם תוס', און אז דאס טוט אים וויי אביסל וועט ער זיך דאך ווייטער פלאגן, דאס איז די תורה וואס איז מגנא ומצלא וואס טוט מציל זיין פון עבירות, עס איז אן אנדערער מין שלאפן, מען לייגט זיך און מען שטייט אויף מיט תורה, דאס איז דער יגיעה בתורה, מצליח זיין אז מען זאל פארשטיין מען זאל האבן א קנין אין די תורה קען מען נאר אויף דעם אופן, אבער אז מען לערנט אזוי אז מען זאל יוצא זיין און ווען עס גיט א קלינג לויפט מען עסן וכדו', דער דור איז א שוואכער מען מוז עס האבן, אבער יגיעה בתורה מיינט נישט דאס, מען דארף זיך ממש פלאגן, איך וויל נישט פארלאנגן אז מען זאל אוועקנעמען די צייט פון שלאפן פון עסן וויפיל מען ברויך, אבער דאס וואס מען ברויך נישט.

**היינטיגע** צייטן לערנען בהתמדה איז טייטש אז כאטשיג אין נארמאלע אופנים וואלט עס געהייסן בהתמדה, אז מען טוט נישט פארברענגען צייט בידים. מען דארף זיך אפלערנען אזויווי אן ארבעטער וואס ער ארבעט מיט עניני גשמיות וואס עס האט גארנישט צו טוהן מיט תורה, ער קען נישט מפסיק זיין ווען ער וויל, ער האט נישט קיין צייט אסאך מאל זיך אפצואווישן די שוויס, פארוואס? ווייל ער מוז אהיים ברענגען פרנסה פאר ווייב און קינדער. דאס איז אפשר אסאך, אבער על כל פנים א לימוד דארף מען ארויסצונעמען פון דעם וויאזוי עס דארף אויסצוזעהן דאס תורה לערנען.

**לאמיר** נאר מאכן א חשבון, מען זיצט און מען לערנט און מען האט נאך אזא קליינעם קנין אין דער תורה, וויפיל צייט איז פארלוירן געגאנגען, ווי וויי טוט מיר אז איך פארשטיי נישט, און ווי שנעל לויפן אדורך די יארן און מען איז נאך אזוי ארעם אין דעם קנין פון תורה, און דא איז נישט טייטש תורה אליין, תורה איז דען גענוג?, דאס איז תורה מיט אידישקייט און יראת שמים, דער גאנצער לעבן איז דאס,ביידע עולמות זענען דאס וואס מען דארף זיך אין די פאר יאר קונה צו זיין. דארף מען מאכן א חשבון הנפש צי אויף דעם אופן לערנט מען תורה, צי מען לערנט אויף דעם אופן תורה אז ער זאל קענען זאגן בשעת'ן לערנען איך רעד נישט קיין ווארט.

**מסירת** נפש איז געווארן אזוי וואכעדיג כאילו יעדע זאך טוט מען מיט מסי"נ, מסי"נ איז א גאר א הויכע זאך, איך ווייס נישט וויפיל זענען דא אין 'דור' וואס לערנען מיט מסי"נ תורה, מסתמא געציילטע, אבער אז מען זאל קענען ערליך זאגן, איך לערן און איך פלאג מיך ממש, איך בין מיך מצער ווען איך פארשטיי נישט, איך שטיי אויף אפילו פריער.

**דער** רדב"ז פון די גדולי קדמונים שרייבט, כל ימי הייתי מצטער על קושיא זו, און איך גלייב אז זיי זענען געווען גרויסע הייליגע צדיקים, א ווארט האבן זיי נישט געזאגט לבטלה, אז ער שרייבט אז ער האט זיך מצער געווען, האט ער זיך מצער געווען, האט זיך שוין עמיצער פון אונז מצער געווען אויף א קשיא, ווען מען

קלאפט זיך אן דעם פינגער האט מען זיך מצער געווען, פון א קשיא זאל איך מיך מצער זיין?, דער יצה"ר ער קען גאווה ארייןברענגען ווען עס פאלט אים איין עפעס א קשיא, אבער צער צו האבן נישט צו פארשטיין א שטיקל גמרא תוס' האט מען שוין טועם געווען?, איך מיין אז מיר האלטן נאך גאנץ ווייט פון דעם, אבער עכ"פ די תשוקה אז עס זאל אזוי זיין דארף דאך צו זיין. איך טראכט צוריק למשל פון דרייסיג יאר צוריק ווען בחורים וואס דער אייבערשטער האט זיי אוועקגענומען טאטע מאמע ברידער און שוועסטער, אלעס אוועקגענומען, און זיי זענען געווען אלט עטליכע אין צוואנציג יאר שוין וואס זיי זענען אליין געשטאנען אין דער וועלט, א נייע אמעריקע, היינט איז דאך שוין דא א אידישער קיבוץ, און מען האט געלערנט ממש מיט יגיעה, פון די בחורים האט ר' מיכאל בער זצ"ל פארלאנגט זיי זאלן לערנען מיט יגיעה, און ער האט געהאט א טענה ווען מען האט פארברענגט אביסעלע צייט, היינט ב"ה ווען מען גיט אלדינג און מען טרויעט זיך נישט צו פארלאנגען כמעט פון יגיעת התורה איז דאך אוודאי.

**די** גמרא זאגט (נדרים לח.) א"ר יוחנן בתחלה האט משה רבינו געלערנט די תורה און פארגעסן, נאר צום סוף נאכן זיך מייגע זיין די פערציג טעג איז ניתנה לו במתנה (עי' עיון יעקב שם). מיט'ן גאנצן זיך פלאגן מיט א יגיעה איז די תורה נאר א מתנה, נאר די מתנה גיט מען נאר נאכן פלאגן!, ווען מען פלאגט זיך מיט די גאנצע יגיעה זאל מען נישט מיינען אז מיט דעם איז מען שוין קראנט, נאר דעמאלטס העלפט מען אים פון הימל אז ער באקומט צו א חבר און מען שיינט אריין פון הימל אז ער פארשטייט דאס לערנען. אבער ארום צו לויפן מיט א טענה אויפ'ן רבוש"ע, עס לערנט זיך נישט ווייל דאס איז נישט גוט און דאס איז נישט גוט, קיין למדן וועט מען מיט די תרעמות סיי ווי סיי נישט ווערן, אבער עכ"פ ער וועט זיך אביסל נארן.

**אין** הקב"ה בא בטרוניא עם בריותיו, אבער דער וואס פלאגט זיך ערליך לאזט אים דער אייבערשטער נישט פאלן, מיט א חבר אן א חבר צו א גוטע שטוב צו א שלעכטע שטוב צי וואס אימער דאס איז, אז ער האט זיך געפלאגט איז נאמן הוא בעל מלאכתך שישלם לך שכר פעולתך, דער אייבערשטער איז א קראנטער, סוכ"ס יגעת ולא מצאת אל תאמין (מגילה ו:), אז איינער זאגט איך האב מיך געפלאגט און איך האב נישט געפונען, אל תאמין. דער שפת אמת זאגט (עי' פ' תולדות תרמ"ד) דו זאלסט נישט גלייבן אז דו האסט זיך געפלאגט, ווייל ווען מען פלאגט זיך ערליך העלפט מען פון צו הימל און קיין שום יגיעה אין עבודת ה' גייט נישט לבטלה ח"ו. דער אייבערשטער זאל העלפן אז מען זאל האבן דעם חשק און דעם רצון צו יגיעת התורה און צו געפונען די הצלחה אין תורה.

**שטייט** אין פסוק (במדבר יט יד) זאת התורה אדם כי ימות באהל. דרש'נען חז"ל (ברכות סג:) אין דברי תורה מתקיימין אלא במי שממית עצמו עליה. די תורה קען האבן א קיום נאר ווען מען טוט זיך הרג'נען פאר די תורה, שטעלט זיך א קשיא, וויפיל בלעטער גמרא וועט ער נאך קענען לערנען אז ער הרג'עט זיך, א טויטער איז דאך שוין חפשי מן המצוות ער קען שוין מער נישט לערנען, אלא מאי מיינט מען דאך עפעס אזא מין הרג'ענען וואס מען בלייבט לעבעדיג, און דאס איז וואס בלעם האט מיט די נבואה משתוקק געווען, תמות נפשי מות ישרים (במדבר כג י), איך וויל שטארבן אזא מות ישרים, אזא יעדן טאג שטארבן, ממית עצמו, עצמו מיינט מען דאס גופניות, די תאוה, דאס מגושמ'קייט, יעצט ווילסטו שלאפן, יעצט ווילסטו עסן, און יעצט ווילסטו טרינקן, אבער נישט סתם צו טרינקן ווייל מען איז זיכער דארשטיק, נאר עס מוז זיין אזוי קאלט אז די הנאה זאל אזוי שטארק זיין.

**דער** ר"ר אלימלך זי"ע אז א פליגל האט אים געביסן פלעגט ער זיך נישט קראצן, ער האט געזאגט, וואספארא טובה האט דער גוף מיר געטאן עפעס אז איך זאל אים א טובה טוהן, עס איז געווען עפעס ווי א דבר וואס איז חוץ ממנו, מען האט נאר פונקט די נשמה אריין געפאקט אינעם גוף אריין, אבער ער דארף אים נאך פאשען אויך, ער זאל אים נאך טובות טוהן, לאמיר נאר זען ווען מען זאל ווען זאגן אז מען זאל נישט חלילה לערנען קיין נועם אלימלך אדער דעם צעטיל קטן וכדו', וואלט ווען געווען שרעקליך, וואס הייסט דער הייליגער ר"ר אלימלך, אמת און טאקע אזוי.

**אבער** לאמיר נאר זען אז עס זאל ווען פעלן איין שטיקעלע פונעם פרישטיק אדער ביי מיטאג עפעס וואס עס דארף ווען צו זיין וכדו', וואס דער גוף וועט נישט באקומען עפעס אזוי ווי ער איז געוואוינט, וואס עפעס איז דא געשעהן, און וויפיל פיינע און וואוילע בחורים וואלטן ווען געזאגט, עס איז טאקע אזוי, עס באלאנגט דאך טאקע אזוי, דארף מען וויסן אז אסאך זאכן וואס האט זיך אזוי איינגעפירט באלאנגט עס גארנישט אזוי, עס איז נישט אמת, אין דברי תורה מתקיימין אלא במי שממית עצמו עליה, קיין תורה האלט זיך נישט פון די פרישטיקן און פון די סאפערס, נישט פון דעם האלט זיך תורה, תורה האלט זיך אלא במי שממית עצמו עליה.

**דאס** מיינט אוודאי נישט אז מען זאל פאסטן, שבעה עשר בתמוז האט מען מסתמא ווייניגער געלערנט ווי אן אנדערס מאל, נו, אוודאי עס איז א הייסער טאג און נאכמיטאג צו לערנען איז דאך מסתמא עובר אויף בל תוסיף, און ווידער אז ער זאל זיך לייגן שלאפן א דריי פיר שעה וועט ער דאך ביינאכט נישט קענען איינשלאפן וועט ער דאך מוזן אויף זיין ביינאכט וכדו', וואס איז ער עפעס מחויב אזוי חוקר זיין, תמים תהיה עם ה' אלקיך, ער איז נישט מחויב צו טראכטן וואס עס וועט זיין שפעטער, קודם דארף ער זיך א פאר שעה צו לייגן, אין א תענית דארף מען דאך א פאר שעה צו ליגן אין בעט אזוי איז דאך איינגעפירט, אין אמת'ן אריין מען איז דאך שוואכע דורות, מסירות נפש פאר תורה, מסירות נפש איז דאך טייטש אז דער אייבערשטער פארלאנגט אז מען זאל זיך דעם נפש איבערג עבן.

**דער** חפץ חיים פלעגט צו זאגן מען דארף זיך דאך מוסר נפש זיין בפועל ממש, ווען עס קומט צו דעם וואלט דאך דאס א איד ווען געטאן, נו, מען פארלאנגט דאך א סאך ווייניגער. 'מסירת נפש' מיט'ן מויל רעדט זיך עס גאנץ גרינג ארויס, אבער בפועל טוען איז עס א סאך שווערער. איך וויל נישט חלילה מקטרג זיין אבער דאכט זיך מיר אז דאס ווארט קען מען בזמן הזה בכלל נישט דערמאנען, איך ווייס נישט, עס קען זיין אז עס איז דא געציילטע אידן וואס מיר ווייסן פון זיי נישט, עס איז גאנץ באהאלטענע אידן וואס האבן מסי"נ פאר תורה, עס איז דא אידן וואס פלאגן זיך אביסעלע פאר תורה, נאר דאס ווארט מסי"נ בפועל איז שווער צו טרעפן, אבער ווען איינער פלאגט זיך און לערנט דעמאלטס, אזוי ווי מען האט געזאגט אויפן ירושלימ'ער רב הרב [מהרי"ץ] דושינסקי זצ"ל, דאס איז אזא יונגערמאן וואס נאכן טשאלנט לייגט ער זיך נישט שלאפן, ער איז אויסגעוואקסן, ער וואלט אויך געגליכן מסתם צו שלאפן ווען המאכל מביא את השינה, אבער אים האט זיך מער געגליסט צום לערנען, דאס איז דער ממית עצמו עליה, מיט דעם האלט זיך תורה.




מדור

# מילי דהספידא

דברי הספד מאת

## כ"ק אדמו"ר מנייטרא זצ"ל

### בכלות השבעה
### של מרן זצ"ל

**בפרשת** השבוע וידבר אלקים אל משה ויאמר אליו אני ה', וארא אל אברהם אל יצחק ואל יעקב באל שדי ושמי ה' לא נודעתי להם. ומביא רש"י שני פשטים בזה, הפשט השני הוא מביא בשם המדרש, שהקב"ה אמר יש להתלונן על מה שמשה רבינו אמר למה הרעות לעם הזה למה זה שלחתני, חבל על דאבדין ולא משתכחין, האבות הק' לא היו מתלוננים עלי, ובודאי דברי רש"י עמוקים וגבוהים, ונאמרו בזה כמה וכמה פשטים.

**רבותי**, התאספנו כאן עכשיו, לא בכדי לשמוע דרשות, אלא כדי להתאבל ולאונן ולקונן על האבידה, על האבידה הגדולה והנוראה, השבר הגדול שסבלנו, בהסתלקותו של ר' יונה זצ"ל, אמנם כבר אמרתי קצת בהספד בשעת הלויה, הדברים יצאו מן הלב והנפש, אבל הגמ' (שבת קה:) אומרת שכל המתעצל בהספדו של חכם מגיע לו עונש גדול, הרי שאין להסתפק בזה שכבר אמרתי, אלא צריך להגיד ולהספיד שוב ושוב.

**איתא** בגמ' במסכת שבת (קנג.) אמר ליה רב לרב שילת, אחים לי בהספדאי, תתחמם בהספד שלי, דהתם קאימנא, כי שם אני עומד, ולכן אנו נמצאים עכשיו יחד עם הנפטר ומספידים אותו, כאשר ביקשו ממני לשאת הספד במוצאי שבת, חשבתי שבעצם אין זה זמן מתאים להספיד במוצאי שבת, אלא כיון שהמנהג הוא, כפי שמובא בספר מעבר יבק, שביום של גמר השבעה יוצאים הקרובים והידידים לקבר הנפטר, כדי ללוות את הנשמה למקום המנוחה, ואת זה לא היינו יכולים לעשות היום, שהרי היום היה שבת, לכן נתאספו כאן במוצאי שבת כדי להספיד, וכאמור דהתם קאימנא, הנפטר נמצא כאן, ואם כן יש לומר כאן מדבריו של מת, שהרי אמרו בגמ' (ברכות ג.) אין אומרים בפני המת אלא דבריו של מת, בביאור כוונת הגמ' יש שני פשטים, מה הוא דבריו של מת, א' כדאיתא בשו"ע (יו"ד סי' שמ"ד) שהעיקר בהספד הוא לומר את השבחים של הנפטר, ועוד פשט יש בדבר לומר דבריו של מת, היינו מה שהמת היה אומר, אם מלווים אדם גדול, אומרים דבר תורה בשמו, או לומר את דברי המוסר מה שהנפטר היה אומר.

**האמת** הוא רבותי, שאינני יכול לקיים מימרא זו, לא לפי הפשט הראשון, וגם לא לפי הפשט השני, אם ארצה לומר את המעלות והשבחים של ר' יונה, אתחיל ולא אגמור לעולם, לומר מה שהוא היה אומר, איך אני יכול להגיד מה שהוא היה אומר, אפילו בהיותו אתנו לא הייתי יכול, ועכשיו על אחת כמה וכמה, שהרי עכשיו הוא כבר נמצא בעולם אחר, הוא רואה את השקר של העולם הזה בעינים אחרות, בודאי שלא אוכל לתאר מה הוא היה אומר עכשיו, אבל פטור בלא כלום אי אפשר, ולכן אגיד כמה מילים.

**מצינו** בגמ' (ברכות ה:) רבי אליעזר חלש, על רבי יוחנן לגביה, חזיה דהוה קא גני בבית אפל, שרבי אליעזר היה ישן בבית חשוך, גליה לדרעיה ונפל נהורא, שרבי יוחנן גילה את ידו, והיה אדם יפה מאד, וידיו האירו את הבית ויהי אור בבית, חזיה דקא בכי, רבי אליעזר בוכה, אמר לו ר' יוחנן אמאי קא בכית, למה אתה בוכה, אי משום תורה דלא אפשת, שלא למדת הרבה תורה, הרי אחד המרבה ואחד הממעיט ובלבד שיכוון לבו לשמים, שמא אתה בוכה בגלל מזוני, כי לא היה לך פרנסה, לאו כל אדם זוכה לשתי שולחנות, ואי משום בני, כי לא זכית להוליד בנים, דין גרמא דעשיראה ביר, הוציא והראה לו את העצם של בנו העשירי, ובזה הוכיח לו שלא נשאר לי כלום מכל הבנים שהיו לי, אמר ליה ר' אליעזר לר' יוחנן, על האי שופרא דבלי בארעא קא בכינא, על היופי הזה שהולך להיות קבור בארץ, על זה אני בוכה, אמר לו על האי ודאי קא בכית, על זה בודאי אתה צריך לבכות, ובכו תרוייהו. ודברי הגמ' תמוהים מאד, מה הוא בוכה עכשיו על השופרא של ר' יוחנן דבלי בארעא, הרי ר' יוחנן הוא עכשיו בריא, ובודאי סוף כל אדם למיתה, כי מי גבר יחיה ולא יראה מות, אבל מה שייך לבכות עכשיו על זה, וכל שכן שצריך להבין על התנאים והאמוראים הקדושים שיבכו על מיתת הגוף.

**אלא** יש לומר שיש שני חלקים בעבודת הצדיק ומרביץ תורה בעולם הזה, דבר אחד הוא שצריך להרביץ תורה, כל מי שביכלתו להרביץ תורה חייב לעשות כן, והדבר השני הוא שצריך להוכיח ולעורר בתשובה, להדריך את ישראל בדרך התורה והאמת במוסר והדרכה, לא כל אחד מסוגל לעשות את שניהם, יש שהוא חכם וצדיק וגאון, אבל אין הוא ראוי להרביץ תורה, אפילו אם הוא חריף עצום, אין לו הכשרונות שצריך מרביץ תורה, אין לו כח הדיבור וההסבר, ואינו מצליח עם תלמידים, ויש מי שיש לו כח ההסבר ויכול להרביץ תורה, אבל אין לו את החלק השני שיוכל להוכיח אחרים ולהחזירם למוטב, אין לו את כח ההשפעה בפה, הוצק חן בשפתותיך.

**התנא** רבי אליעזר היו לו שני הכוחות, הוא העמיד תלמידים לאלפים והיה לו פה מפיק מרגליות, בזה אפשר לפרש מה שאמר, על האי שופרא דבלי בארעא קא בכינא, שופרא הוא מלשון שופר, שמרמז על הוכחה ומוסר, כענין שנאמר (ישעיה נח א) כשופר הרם קולך והגד לעמי פשעם ולבית ישראל חטאתם, על השופר הזה אני בוכה, מעתה מי יוכיח אותם, שהרי ר' אליעזר הוכיח והביא אלפי יהודים ליראת שמים, זהו שאמר אמנם עוד יהיה גאונים ותלמידי חכמים ומי שירביץ תורה גם אחרי פטירתי, אבל על האי שופרא, כח ההוכחה הזה כבר לא יהיה, ועל זה אני בוכה, אמר ר' יוחנן על הא ודאי קא בכית, על זה יש לבכות ובכו שניהם.

**רבותי**, גם אנו בוכים על השופר הזה, אני מבכים את האבידה הגדולה שסבלנו, רבי יונה היה המרביץ תורה הגדול, אפשר לומר שהיה כמו ראשי הישיבה הגדולים ביותר, היה לו כח ההסבר באופן נפלא, היה לו כח הרבצת התורה, על זה אמר ר' יוחנן, אי משום תורה דלא אפשת, מחמת מיעוט כוחו לא מסר שיעור כל יום, הרי אמרו אחד המרבה ואחד הממעיט ובלבד שיכוון לבו לשמים, ומי עוד כר' יונה אפשר לומר עליו שכיוון לבו לשמים, כל הכוונה שלו היתה אך ורק לשם שמים לעשות רצון הקב"ה, אי משום מזוני, הרי ר' יונה לא היה לו מזוני, הוא לא היה לוקח שכירות מן הישיבה, וגם לא מהבית המדרש שהיה משמש בו כרב, אף פעם לא לקח ממון, ואף פעם לא היה לו ממון, תמיד היה שרוי בחובות ותמיד היה לוה, ובכל זאת היה עושה צדקה ומעשי חסד גדולים, אי משום מזוני, לאו כל אדם זוכה לשתי שולחנות, אי משום בני, אפשר שבוכים עליו משום שלא השאיר אחריו בנים, אין לנו לבכות על זה, קודם כל שהרי הוא גידל שלשה בנים במסירות נפש והביאם לתורה ויראת שמים, וטיפל בהם במסירות נפש נפלאה והם נחשבים כבניו, אבל בנוסף לזה הרי עשה נפשות רבות, בבחינת את הנפש אשר עשו בחרן, כמה תלמידים העמיד, וכמה אנשים מבחוץ הוא קירב לתורה ויראת שמים ואמונה, הרי כל זה הם בניו, לכן גם על זה אין לבכות.

**אלא** על מה אנו בוכים, על האי שופרא דבלי בארעא, השופר שהיה מוכיח אותנו, רבותי מי יגיד לנו דרשות כאלה כאן בבית המדרש כמו שהוא היה אומר, מוסר אמיתי מעומק לב, על זה ודאי קא בכינא, על זה יש לבכות, ובכו תרוייהו, כולנו צריכים לבכות, על האי שופרא דבלי בארעא.

**מצינו** בגמ' (סוטה יג:) שהניחו ספר תורה על מטתו, ואמרו קיים זה מה שכתוב בזה, ואומר הגמ' על זה מילתא דלא ניחא ליה בחייו, מה שהוא לא רצה שיעשו בחייו, גם לא יעשו לו לאחר מותו, לענינו, הרי הנפטר הזה לא היה רצונו להפליג בשבח הנפטר, שמעתי ממנו כמה פעמים בהספדים, שאמר לי שאם אני הייתי מספיד הייתי אומר רק דברי מוסר, כי מה יוצא מכל השבחים, הרי הכל כבר יודעים למעלה, אבל מוסר יש לומר לאלו שנשארו, כמו שנאמר (קהלת ז ב) והחי יתן אל לבו, זה הוא התכלית של הספד, אם כן לכאורה לא הייתי צריך לדבר בשבחו של הנפטר, אבל משום והחי יתן לבו צריך לדבר בשבחו של הנפטר, כשאנו מביטים ומתבוננים בחייו של הנפטר, שהיה אדם שבור ורצוץ, מאז היותו בן שמונה עשרה שנה נעשה חולה בכל הגוף, ובמשך כל חייו היה אדם שבור וכבול לעגלה, ובכל זאת היה יכול להרבות כל כך הרבה בכבוד שמים, וגרם כל כך הרבה נחת רוח להבורא, זה אינו סתם מוסר השכל, והחי יתן אל לבו, הרי אנו שמצבנו כל כך טוב, יש לנו ב"ה משפחות בריאים, כמה ידרשו מאתנו למעלה.

